STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04523

IDISHE FOLKS-EYNIGKEYT

Alex Bittelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע פאָלקס-איינגקייט

פון

אַ. ביטעלמאַן

אַרויסגעגעבן פון „מאָרגן-פרייהייט" פאַרלאַג
MORNING FREIHEIT PUBLISHING CO.
35 East 12th Street, New York City 209

PRINTED IN U.S.A.

אידישע פאָלקס—אייניגקייט

צום ערשטן אַ פּאָר באַמערקונגען, וואָס זאָלן דינען ווי אַן אַריינפיר צו דעם עצם ענין.

מיר באַטראַכטן אידישע פאָלקס־אייניגקייט אין אַמעריקע אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אייניגקייט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. אויף דעם זעלבן אופן קוקן מיר אויף דער אייניגקייט פון אידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט, דאָס הייסט, ווי אַ טייל פון דער אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות (יונאַיטעד נעישאָנס). דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער פונדאַמענט אויף וועלכן מיר בויען די פּראַקטישע אויספירן וועגן אידישער פאָלקס־אייניגקייט היינט צו טאָג. אויף די דאָזיגע גרונטלאַגן זוכן מיר די לייזונג פאַר די פּראַקטישע פּראָבלעמען פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט.

נאָך מער: מיר האַלטן, אַז דער וואָס באַקעמפט אָדער שטייט אין וועג פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייניגקייט איז דערמיט אַליין אַ שונא פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט. און דאָס פאַרקערטע איז פּונקט אַזוי ריכטיג. דאָס הייסט, אַז יענע צווישן אונז וואָס באַקעמפן אייניגקייט צווישן די אידן פון אַמעריקע, איז דערמיט אַליין שטערן זיי די פאַר־שטאַרקונג פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייניגקייט.

דאָס זעלבע איז אויך אמת בנוגע דער באַציאונג צווישן דער אייניגקייט פון אידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט און דער אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות. עס איז שוין איצט קלאָר פאַר יעדן וואָס וויל פאַרשטיין, אַז דער וואָס זוכט צו שטערן די אייניגקייט פון די פאַר־אייניגטע מלוכות, איבערהויפּט די אייניגקייט פון דער ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער קאָאַליציע, שטעלט דערמיט אין גרעסטער געפאַר די אייניג־קייט און די צוקונפט פון אידישן פאָלק. און פאַרקערט, די צווישן אונז וואָס דערלאָזן ניט אַז עס זאָל באַפעסטיגט ווערן אַן אמת'ע אייניגקייט צווישן די אידן פון אַלע לענדער, איבערהויפּט צווישן די אידן פון אַמעריקע ,דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און פון פּאַלעסטינע, די ברענגען אויך דעם גרעסטן שאָדן די אינטערעסן פון די פאַראייניגטע מלוכות.

פון דעם איז שוין פאַרשטענדלעך פאַרוואָס מיר גיבן צו אַזאַ גרויסע באַדייטונג דעם נייעם בוך פון אוירל בראָודער, וואָס איז אַרויס אין

אידיש אונטער דעם נאָמען „דער וועג צום זיג”. דער דאָזיגער בוך באַהאַנדלט אויף אַ גרינטלעכן אופן די צוויי הויפּט־פּראָבלעמען פון דער מלחמה און פון דעם זיג. דאָס זיינען די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק און פון דער אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות. די אויספירן וואָס בראַודער מאַכט זיינען לויט אונזער מיינונג אַזעלכע, וואָס נישט נאָר וואַרפן זיי אַ קלאָר ליכט אויף די ספּעציעלע פּראָבלעמען פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט, נאָר זיי העלפן אונז אויך געפינען דעם וועג ווי אַזוי די דאָזיגע פּראָבלעמען צו לייזן. אין אונזערע ווייטערדיגע אויספירן באַזירן מיר זיך פולשטענדיג אויף די פונדאַמענטאַלע געדאַנקען פון בראַודער׳ס בוך וועגן דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק און וועגן דער אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות.

עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אַ בוך געשריבן פון אַ פירער פון אַ מינאָריטעט־פּאַרטיי אין אַמעריקע — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — זאָל דעריבער האָבן אַ מינדערהאַפטן ווערט. אָבער דער אמת איז פּונקט פאַרקערט. דער כאַראַקטער פון דעם פירער פון דער פּאַרטיי און דער כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי אַליין גיבן דעם בוך אַן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג.

דער בוך איז געשריבן פון אַ מענטשן, וועלכער איז באַקאַנט אין לאַנד אַלס איינער פון די בעסטע דענקער און די קליגסטע פּאָליטיקער. ער איז אויך דער פירער פון אַ פּאַרטיי, וואָס איר פּאָליטיק ווערט באַשטימט פון די פונדאַמענטאַלע און ווייטלויפנדיגסטע אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק און פון זיין אַרבעטער־קלאַס. די פּאָליטיק פון דער דאָזיגער פּאַרטיי ווערט באַזירט אויף אַ באַשטימטער טעאָריע — די טעאָריע פון מאַרקסיזם־לעניניזם, וואָס איז ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן פון סטאַלינ׳ען. דעריבער איז שוין קלאָר, אַז דער בוך איז פון דעם גרעסטן ווערט פאַר אונזער פאָלק אין דעם איצטיגן קריג פאַר זיין עקזיסטענץ און אַז די אויספירן פון בוך האָבן גענומען אין אַנבאַטראַכט די אינטערעסן פון אונזער לאַנד און פון אונזער פאָלק נישט נאָר פון היינט און נישט נאָר פונעם איצטיגן מאָמענט, נאָר אויך פון דער צוקונפט.

מען דאַרף נאָר שטרעבן דערצו, אַז די אויספירן פון בראַודער׳ס בוך זאָלן וואָס שנעלער פאַרקערפּערט ווערן פולשטענדיג אין דער טאָג־טעגלעכער מלחמה־פּאָליטיק פון אונזער לאַנד און פון אונזער רעגירונג. אין דער מאָס ,אין וועלכער דאָס וועט געשען, וועט ניט נאָר זיכערער ווערן דער זיג פון אונזער לאַנד, נאָר אויך די צוקונפטיגע ראָלע פון די פאַראייניגטע שטאַטן אַלס אַ פירנדיגער כח אין די פאַראייניגטע מלוכות.

I

אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אייניקייט און אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות

היינט צו טאָג זיינען כמעט ניטאָ קיין אָפענע געגנער פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייניגקייט און פון דער אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות. אָבער פאַרבאַהאַלטענע געגנער און שונאים זיינען נאָך דאָ זייער אַ סך. ווער זיי זיינען איז מער אָדער ווייניגער באַקאַנט. דאָס זיינען די דעפּיטיסטן, די רעד־בעיטערס, און דער פינפטער קאָלום. ווען מען רעדט דעריבער וועגן דער נויטיגקייט צו שטאַרקן די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אייניגקייט און די אייניגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות, מוז מען אין זינען האָבן הויפּטזאַכלעך די געפאַרן, וואָס קומען פון די דאָזיגע אינערלעכע שונאים.

צום באַדויערן איז דער דאָזיגער וויכטיגער אמת נאָך נישט אינגאַנצן אָנערקענט צווישן געוויסע איינפלוסרייכע קרייזן פון אַמעריקאַנער פאָלק. דאָס הייסט אַזוי: מען אָנערקענט, בכלל גענומען, אַז עס זיינען דאָ דעפּיטיסטן און פינפטע קאָלומניקעס און אַנטיסעמיטן, וואָס פאַר זיי דאַרף מען זיך היטן, אָבער דערפון ווערן נאָך נישט געמאַכט די נויטיגע שלוסן אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטיק. פאַרקערט, מען באַמערקט נאָך אַלץ צווישן געוויסע רעגירונגס־פירער און אַנדערע איינפלוסרייכע גרופּן אַ געוויסע זאָרגלאָזיגקייט מכח די געפאַרן וואָס שטאַמען פון דעם פינפטן קאָלום. און דאָס איז שלעכט.

דאָס איז שלעכט צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, צוליב דעם, וואָס מיט אַזאַ זאָרגלאָזער באַציאונג צום אינערלעכן שונא קאָן מען נישט פירן קיין געהעריגן קאַמף קעגן זיינע פאַרשווערונגען. צווייטנס, איז אויך אוממעגלעך צו מאַכן אַ סוף צו דעם זייער ערנסטן איינפלוס, וואָס דער פינפטער קאָלום האָט אויף גאַנץ באַדייטנדיגע פּאַטריאָטישע שיכטן פונעם אַמעריקאַנער פאָלק. מען דאַרף געדענקען, אַז דער פינפטער קאָלום — די דעפּיטיסטן און אַנטיסעמיטן און רעד־בעיטערס — לעבן צווישן אונז, צווישן אַמעריקאַנער פאָלק. זיי זיינען געקניפּט און געבונדן מיט פיל גרופּן פון פאָלק דורך עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פעדים. זיי האָבן דעריבער גרויסע מעגלעכקייטן צו באַאיינפלוסן און דעמאָראַליזירן טיילן פון אונזער באַפעלקערונג, וואָס זיינען אַליין זייער

פאַטריאָטיש; נאָר וועלכע קלייבן זיך ניט אַלעמאָל פאַנאַנדער אין די געפערלעכע קונצן, וואָס דער פינפטער קאָלום ווענדעט אָן פאַר זיינע פאַרפירערישע צוועקן.

וואָס דערפון איז געדרונגען, איז גאַנץ באַשטימט פעסטגעשטעלט אין בראָודער'ס בוך. מען דאַרף די דעפיטיסטן פריער פאַר אַלץ אויפדעקן, און קלאָר מאַכן די גרויסע געפאַר וואָס עס שטאַמט פון זיי. מען דאַרף זיי אָפּזונדערן, איזאָלירן, פון אַמעריקאַנער פאָלק. מען דאַרף זיי אַוועקשטעלן אין אַזאַ לאַגע, אַז קיינער זאָל מיט זיי ניט וועלן האָבן צו טאָן און אַז קיינער זאָל פון זיי ניט קאָנען באַאיינפלוסט ווערן. שוין דערמיט אַליין וואָלט זייער אַ סך דערגרייכט געוואָרן, מחמת דאָס וואָלט אַראָפּגעבראַכט צו אַ מינימום דעם שאָדן וואָס דער פינפטער קאָלום קאָן אָנטאָן דער קריגס־פירונג פון לאַנד.

אָבער נישט נאָר דאָס אַליין. וואָלט דאָס לאַנד און זיין רעגירונג פאַרפאָלגט אַן אויסגעהאַלטענע פּאָליטיק פון איזאָלירן די רעד־בעיטערס און דעפיטיסטן, וואָלטן דערמיט געשטאַרקט געוואָרן יענע פּאַטריאָטישע כחות וואָס וואַקלען זיך פון צייט צו צייט אין דער אָנפירונג פון דער מלחמה. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז איינער פון די הויפּט־כחות, וואָס רופט אַרויס וואַקלענישן און אומזיכערקייטן אין דער מלחמה־פירונג, איז דער דרוק און דער איינפלוס פון די דעפיטיסטן. איזאָלירט מען זיי, האָט מען שוין דערמיט אַליין אויף מער ווי אַ העלפט באַזייטיגט זייער איינפלוס, האָט מען דערמיט געמאַכט כמעט ווי אוממעגלעך פאַר זיי אַריינצוברענגען ספקות און שוואַכקייטן אין די רייען פון די פּאַטריאָטישע שיכטן פון אַמעריקאַנער פאָלק.

און נאָך אַ זאַך דאַרף געטאָן ווערן. מען דאַרף כסדר שטאַרקן דעם איינפלוס פון די אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטישע און אַנטי־פאַשיסטישע עלעמענטן אין דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינהייט. ס'איז דאָך נישט קיין סוד, אַז אין דעם אַמעריקאַנער פאָלק, און צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן און גרופּן וואָס שטעלן צונויף דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, זיינען דאָ עלעמענטן וואָס זיינען מער דעמאָקראַטיש און וויניגער דעמאָקראַטיש — עלעמענטן וואָס זיינען אויסגעהאַלטן אַנטי־פאַשיסטיש ביזן סוף און אַזעלכע וואָס זיינען נישט אַזוי אויסגעהאַלטן. אַוודאי מוזן אַלע עלעמענטן אַרבעטן צוזאַמען און כסדר שטאַרקן זייער נאַציאָנאַלע איינהייט. אָן דעם קאָן נישט זיין קיין זיג. ס'איז אָבער אויך קלאָר, אַז וואָס שטאַרקער עס וועט זיין אין דער נאַציאָנאַלער איינהייט דער איינפלוס פון די מער־אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטישע און אַנטי־פאַשיסטישע כחות, אַלץ שטאַרקער וועט זיין די נאַציאָנאַלע איינהייט פון דעם

גאנצן פאָלק און אַלץ זיכערער וועט ווערן אונזער ענדגילטיגער זיג איבער היטלער'ן, איבער דער גאַנצער אַקס און איבערן פאַשיזם.

אין אַנדערע ווערטער, דער קאַמף פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט היינט צו טאָג מיינט, קאָנקרעט גערעדט, דער עיקר צוויי זאַכן: ערשטנס, די דעפיטיסטן, די אַנטיסעמיטן און די רעד־בעיטערס — דער פינפטער קאָלום — מוזן איזאָלירט ווערן און זייער איינפלוס אויף די פּאַטריאָטישע שיכטן פון פאָלק מוז אָפּ־געשניטן ווערן. דערמיט וועט געשטאַרקט ווערן די קריגס־פירונג פון לאַנד. דערמיט וועלן אויך געשטאַרקט ווערן די אומזיכערע און די וואַקלדיגע. צווייטנס, דער איינפלוס פון די דעמאָקראַטישע און אַנטי־פאַשיסטישע כחות פון פאָלק — דער אַרבעטער־קלאַס, די פאַרמערס, די אינטעליגענץ — דאַרף כסדר געהעכערט ווערן און אויסגעברייטערט ווערן אין דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט. די דאָזיגע כחות און ספּעציעל דער אַרבעטער־קלאַס זיינען דער רוקנביין פון אונזער פאָלק און במילא דער רוקנביין פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט.

אויף אַן ענלעכן אופן דאַרף מען צוגיין צו דער פראַגע וועגן דער איינינקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות. היינט צו טאָג באַגעגנט מען זייער זעלטן אָפענע געגנערשאַפט צו די פאַראייניגטע מלוכות ביי אונז אין לאַנד. אָבער שטילערהייט און אויף אַ פאַרבאַהאַלטענעם אופן פירן אָן די דעפּיטיסטן און רעד־בעיטערס אַ שטענדיגע מלחמה געגן דער פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע מלוכות. זיי טוען דאָס דערמיט, וואָס זיי זוכן אָפּצושוואַכן דעם הויפּט־כח פון די פאַראייניגטע מלוכות, דעם פונדאַמענט אויף וועלכן די גאַנצע זאַך שטיצט זיך. נעמלעך, די ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער קאָאַליציע.

די פאַראייניגטע מלוכות, ווי באַקאַנט, נעמען אריין עטלעכע און צוואַנציג פעלקער און נאַציאָנען. אַלע די דאָזיגע לענדער און פעלקער דאַרפן זיין גלייך. זיי דאַרפן נעמען אַ גלייכן אָנטייל אין די פאַראייניגטע מלוכות. ס'איז אָבער אויך באַקאַנט, אַז די בויער און פירער פון די פאַראייניגטע מלוכות זיינען אַמעריקע, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענג־לאַנד. דאָס מיינט נישט, אַז כינע, צום ביישפּיל, איז וויניגער וויכטיג פאַר די פאַראייניגטע מלוכות ווי ענגלאַנד, אַמעריקע אָדער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. ניין. כינע איז פּונקט אַזוי וויכטיג און דאַרף פאַרנעמען אין די פאַראייניגטע מלוכות פּונקט אַזאַ אָנגעזעענעם פּלאַץ. צום באַדויערן איז דאָס נאָך ווייט נים אַזוי. אָבער פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט פון דער איצטיגער קריגס־פירונג, איז דאָך קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז דער אַנטשיידנדיגער און פירנדיגער כח אין די פאַראייניגטע מלוכות איז די

ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער קאָאַליציע. דאָס איז אַ פאַקט — אַ פאַקט, וואָס היטלער און זיינע אַגענטן דאָ ביי אונז אין לאַנד האָבן אָפּגעשאַצט רעאַליסטיש און בעסער ווי איינציגע אָנהענגער פון די פאַראייניגטע מלוכות. און דעם פאַקט טאָר מען קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן פון אויג ווען מען רעדט וועגן פאַרשטאַרקן די פאַראייניגטע מלוכות און פאַרזיכערן זייער זיג.

מען דאַרף פאַרשטיין איין מאָל פאַר אַלעמאָל, אַז ווער עס וויל שטאַרקן די פאַראייניגטע מלוכות און פעסטיגן זייער איינינקייט, דער מוז אומבאַדינגט פריער פאַר אַלץ שטאַרקן און פעסטיגן די איינינקייט צווישן אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד. וועט שטאַרקער ווערן די איינינקייט פון דער דאָזיגער קאָאַליציע, וועט דערמיט געשטאַרקט ווערן די איינינקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות, וועט דערמיט זיכערער ווערן דער שנעלער און ענדגילטיגער זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות. און פאַרקערט, די וואָס האַלטן זיך אָפּ פון שטאַרקן די איינינקייט פון דער ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער קאָאַליציע, אָדער די וואָס זוכן אָפּצושוואַכן די דאָזיגע קאָאַליציע, די דאָזיגע אַרבעטן גאַנץ באַשטימט אין די אינטערעסן פון היטלער'ן, צי זיי ווייסן עס צי נישט. שטאַרקנדיג די אַנטי־היטלער קאָאַליציע, וועט סוף כל סוף אויך געלינגען צו געווינען פאַר כינע אַ גלייכבאַרעכטיגטן פלאַץ אין די פאַראייניגטע מלוכות. און נאָר אויף אַזאַ אופן וועט עס געלינגען אַריינצוציען אין די פאַראייניגטע מלוכות אַלס פרייע שותפים אינדיע און די פעלקער פון אַפריקע, און אויך צו פאַרזיכערן אַז די האָפענונגען פון דעם אידישן פאָלק וועלן ענדלעך פאַרווירקלעכט ווערן.

עקאָנאָמישע פראַגן און נאַציאָנאַלע איינינקייט

פאַר נאַציאָנאַלער איינינקייט אין אַמעריקע קאָן מען אַרבעטן דערפאָלגרייך נאָר דעמאָלט ווען מען טוט עס מיט אָפענע אויגן. דאָס הייסט, מען דאַרף פאַרשטיין, אַז מיר לעבן אין אַ לאַנד וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע קלאַסן און גרופן, וואָס זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען נישט די זעלבע. נישט נאָר זיינען זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן ניט די זעלבע, נאָר צווישן געוויסע קלאַסן, ווי צום ביישפיל, די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, זיינען די עקאָנאָמישע אינטערעסן געגנזעצלעך. פרעגט זיך: אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָלן די דאָזיגע פאַרשיידענע און געגענזעצלעכע אינטערעסן באַהאַנדלט ווערן כדי זיי זאָלן נישט נאָר ניט שטערן דער נאַציאָנאַלער איינינקייט און דער קריגס־פירונג, נאָר פאַרקערט, זיי זאָלן שטאַרקן די קריגס־פירונג?

בראודער'ס בוך מאכט אן אויסערגעוויינלעך וויכטיגן בייטראג צו דער לייזונג פון אט־דער פראגע. און דאס ווערט געטאן אין דעם בוך אויף זייער א קאנקרעטן און פראקטישן אופן. בראודער דענקט ניט, אז מען קאן די דאזיגע פארשיידענע און געגנזעצלעכע אינטערעסן אפשאפן אין דעם איצטיגן מאמענט. ער האלט אבער, אז מען קאן זיי לייזן אויף א פרידלעכן אופן, אויב מען זאל אנווענדן כסדר און אויסגעהאלטן דעם פרינציפ, אז די אינטערעסן פון פאלק און פון לאנד און די אינטערעסן פון דער מלחמה מוזן געשטעלט ווערן פון אויבן אן. דאס הייסט, אז יעדער עקאנאמישער קאנפליקט דארף געלייזט ווערן אזוי, אז דאס זאל פריער פאר אלץ דינען די אינטערעסן פון דער קריגס־פירונג, אפגעזען פון דעם וואס פאר א ווירקונג דאס זאל האבן אויף די אינטערעסן פון דעם אדער יענעם קלאס אין דער געזעלשאפט.

אנווענדנדיק דעם דאזיגן פרינציפ אלס וועג־ווייזער, מוז מען שוין במילא קומען צום שלוס, אז איינער פון די הויפט־אינטערעסן פון אונזער לאנד אין דער קריגס־פירונג איז אפצוהיטן ווי ווייט מעגלעך דאס געזונט און דאס מאטעריעלע וואוילזיין פון די מאסן פון פאלק, — די מאסן, וואס דארפן פראדוצירן די שפייז און די אמוניציע פאר דער מלחמה־פירונג. פון דעם דאזיגן פרינציפ קאן מען לייכט זען, אז די פראדוקטן פון אונזער ווירטשאפט דארפן אין לויף פון דער מלחמה פארטיילט ווערן אויף אזא אופן, אז צום ערשטן קומען די נויטן און באדערפענישן פון אונזערע באוואפנטע כחות; צווייטנס, די נויטן און באדערפענישן פון די וואס ארבעטן אין דער היים פאר די נויטן פון די באוואפנטע כחות; און דריטנס, די נויטן און באדערפענישן פון אלע אנדערע שיכטן פון אונזער באפעלקערונג.

דאס לאזט זיך, נאטירלעך, נישט דורכפירן אזוי גרינג. פאר דעם דארף מען האבן א פולשטענדיג־ארגאניזירטע און פאראייניגטע קריגס־ווירטשאפט, וואס זאל געפירט ווערן לויט א באשטימטן נאציאנאלן פלאן. פאר דעם דארף מען האבן, אז אין דער אנפירונג מיט דער קריגס־ווירט־שאפט זאלן זיך באטייליגן אויף א געמיינשאפטלעכן אופן נישט נאר די קאפיטאליסטן נאר אויך די ארבעטער און די פארמערס און די רעגירונג. פאר דעם איז נויטיג, ווייטער, אז דער נאציאנאלער אינטערעס מוז קריגן די אויבערהאנט אין יעדער פראקטישער פראגע, און אז ספעציעלע קלאסן־און גרופן־אינטערעסן דארפן אונטערגעווארפן ווערן דעם נאציאנאלן אינטערעס. פאר די דאזיגע אלע זאכן דארף מען קעמפן. מען דארף קעמפן פריער פאר אלץ געגן די דעפיטיסטן, וואס זיינען די הויפט־שטערונג, און מען דארף אויך קעמפן געגן יענע קאפיטאליסטן און געשעפטסלייט, וואס

לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון די דעפּיטיסטן און ווערן דערמיט אַליין אַ שטערונג פאַר דער ווייטערדיגער אויסבויאונג פון אַ פאַראייניגטער און צענטראַליזירטער קריגס־ווירטשאַפט אין אַמעריקע.

דערפון אַליין איז שוין צו זען, אַז אַרבעטער־פירער, טוער און פירער פון טרעיד־יוניאָנס, מוזן היינט צו טאָג אָנווענדן אַ גאַנץ נייעם צוגאַנג צו דער פראַגע פון באַשיצן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער. די דאָזיגע אינטערעסן זיינען ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן. דאָס מיינט, אַז די טרעיד־יוניאָנס, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו באַשיצן דעם אַרבעטער׳ס עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָבן פאַר זיך די דאָזיגע אויפגאַבע היינט פונקט ווי פריער. מער ניט, די אינטערעסן פון דער מלחמה פאַרלאַנגען איצט, אַז דעם אַרבעטער׳ס עקאָנאָמישע אינטערעסן זאָלן באַשיצט ווערן אויף אַן אַנדער אופן ווי פריער און מיט אַנדערע מיטלען.

צום ביישפּיל: די אַרבעטער האָבן זיך פרייוויליג אונטערגענומען נישט צו באַנוצן דעם סטרייק אַלס מיטל פון בעסערן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. אָבער דאָס שאַפט ניט אָפּ דעם פאַקט, וואָס יעדן טאָג האָבן די אַרבעטער אין די פאַבריקן און אין די יוניאָנס אַ צאָל פּראָבלעמען און שטרייטיגקייטן מיט די באַלעבאַטים איבער שכירות, שטונדן, און אַרבעטס־באַדינגונגען. דאָס זיינען, קאָן מען זאָגן, אַלטע און שטענדיגע פראַגן. אָבער דאָס וואָלט ניט געווען אינגאַנצן ריכטיג. ריכטיגער צו זאָגן איז, אַז דאָס זיינען אַלטע פראַגן וואָס שטייען איצט אויף אַ נייעם אופן. אין דער פראַגע פון שכירות זיינען די אַרבעטער היינט צו טאָג פאַר־אינטערעסירט דער עיקר נישט אַזויפיל אין דער העכערונג פון געלט־שכירות ווי אין דעם וואָס מען קאָן פאַר די שכירות קריגן. אין אַנדערע ווערטער, ווען עס וואַקסן די פרייזן פון לעבנס־מיטלען, וואַקסט די נויט פאַר העכערונג פון שכירות. אָבער די אַרבעטער פאַרשטייען, אַז פאָדערונגען פון שכירות־העכערונג אַליין זיינען ניט גענוג; אַז דאָס איז אַפילו ניט די הויפּט־זאַך. ווען מען זאָל סוף כל סוף איינשטעלן אַזאַ קאָנטראָל אויף פרייזן, אַז די קאָסטן פון לעבנס־מיטלען זאָלן סטאַביליזירט ווערן באמת, און ווען מען זאָל אויך איינשטעלן אַזאַ סיסטעם פון פאַרטיילן פּראָדוקטן (רעשאָנינג), וואָס זאָל פאַרזיכערן יעדן איינעם דעם נויטיגן מינימום פון די עלעמענטאַרע לעבנס־מיטלען, וואָלט די פראַגע פון העכערן געלט־שכירות באַקומען אַ גאַנץ קליינעם ווערט. די פראַגע וואָלט באמת אויפגעהערט צו זיין אַ שאַרפע און אַ צענטראַלע פראַגע ווי זי איז היינט צו טאָג.

דערפאַר זעען מיר טאַקע, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג קאָנצענטרירט איר אויפמערקזאַמקייט היינט הויפּטזאַכלעך אויף אַזעלכע פונדאַמענטאַלע

עקאָנאָמישע פראַגן פון קריגס־פירונג, ווי פרייז־קאָנטראָל און רעשאָנינג, כאָטש זי גיט אויך אכטונג אויף אַזעלכע פראַגן ווי העכערע שכירות ווען די געהעכערטע פרייזן פון לעבנס־מיטלען מאכן דאָס אבסאָלוט נויטיג.

מער ווי דאָס. די ארבעטער, סיי אלס ארבעטער און סיי אלס אמעריקאנער בירגער, זיינען בלוטיג פאראינטערעסירט אין דעם, אז די פראָדוקציע זאָל זיך הויבן, אז מען זאָל וואָס מערער פראָדוצירן אלע נויטיגע מאטעריאלן פאר דער קריגס־פירונג און פאר דעם ציווילן געברויך פון דער באפעלקערונג. א סך קאפיטאליסטן און פאבריק־פארוואלטער זיינען אין דעם פּרט מסכים מיט די ארבעטער. אָבער נישט אלע. חוץ דעם איז די פראגע פון העכערן די אלגעמיינע פראָדוקציע פון לאַנד ענג פארבונדן מיט דער פראגע פון אויפבויען א פולשטענדיג־פאראייניגטע און צענטראליזירטע קריגס־ווירטשאפט, וואָס דאָס האָבן מיר נאָך נישט דערגרייכט. אויף דעם געביט אויך אנשטייט א גאנצע ריי פראגן, וואָס ארבעטער־אָרגאניזאציעס און טרעיד־יוניאָנס מוזן זיך דערמיט באשעפטיגן. זיי מוזן זיך מיט די פראגן באשעפטיגן אלס ארבעטער־פירער, וואָס זייער הויפּט־צוועק מוז זיין צו שטארקן די נאציאָנאלע איינהייט פון אמעריקע און דעם קריגס־כח פון לאַנד.

אין בראָודער׳ס בוך ווערן די דאָזיגע עקאָנאָמישע פראגן, אין פארבינדונג מיט נאציאָנאלער איינהייט, אוועקגעשטעלט אין זייער גאנצער ברייט, און א וועג ווערט אָנגעמערקט ווי אזוי די ארבעטער־באוועגונג דאַרף העלפן דעם לאַנד די דאָזיגע פראגן צו לייזן. נאָך גענויער און מער קאָנקרעט באשעפטיגט זיך בראָודער מיט די דאָזיגע פראגן אין א רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאלטן פאר דער זיצונג פון דער נאציאָנאלער קאָמיטע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי ענדע נאָוועמבער, 1942. דאָרט רעדט ער איבערהויפּט וועגן דעם, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן כדי צו העכערן די קריגס־פראָדוקציע פון לאַנד, און אין פארבינדונג מיט דעם אנטוויקלט ער ווייטער זיינע געדאנקען וועגן דער קריגס־ווירטשאפט פון אמעריקע בכלל. דער דאָזיגער רעפעראַט, וועלכער איז ארויס אין א פאמפלעט אונטער דעם נאָמען „פראָדאקשאָן פאר וויקטאָרי״, דאַרף רעקאָמענדירט ווערן פאר יעדן וואָס האָט צו טאָן מיט ארבעטער־פראגן און עקאָנאָמישע פראגן.

עקאָנאָמישע ענדערונגען אין דעם אידישן לעבן

מען דאַרף דאָ זאָגן, אז בראָודער׳ס נייער צוגאנג צו די עקאָנאָמישע פראגן פון לאַנד האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין אויך א גרויסע הילף פאר די, וואָס האָבן גענומען באמערקן נייע עקאָנאָמישע טענדענצן און

ענדערונגען אין דעם אידישן לעבן פון אמעריקע. די דאָזיגע טענדענצן זיינען פון אזא כאראקטער, וואָס מען וועט זיי מוזן שענקען גרויס אויפמערקזאמקייט.

עס איז שוין איצט גוט באקאנט, אז אין דעם איבערגאנג פון א פרידנס־ווירטשאפט צו א קריגס־ווירטשאפט דאָ אין אמעריקע איז שטארק געטראָפן געוואָרן די זיכערקייט און דער וואוילזיין פון דעם קליינעם הענדלער און קליינעם פאבריקאנט. מיר קאָנען דאָ איצט נים באהאנדלען די פראגע, צי דאָס האָט טאקע אזוי געדארפט זיין. דער פאקט איז, אז דאָס איז אזוי. און אין אונזער אידישן לעבן האָט דאָס אריינגעבראכט א גאנצע ריי נייע דערשיינונגען.

לאָמיר זיי דאָ אָנמערקן און ציען פון זיי די נויטיגע שלוסן. ערשטנס, האָט זיך צווישן די אידן פון אמעריקע זייער פארשטארקט די עקאָנאָמישע טערנדענץ, וואָס פארוואנדלט קליינע ביזנעסלייט אין ארבעטער. די טענדענץ אליין איז נים קיין נייע. אָבער ניי איז דער גרויסער אימפעט און אינטענסיוויטעט, מיט וועלכער די טענדענץ ארבעט. כאָטש קיין גענויע ציפערן זיינען נאָך דערווייל ניטאָ, דאָך איז שוין באקאנט, אז גרעסערע און גרעסערע צאָלן אידן, וואָס פלעגן זיך באשעפטיגן מיט קליין־האנדל און קליין־פּראָדוקציע, זיינען שוין געוואָרן און ווערן ארבעטער. צווייטנס, אידישע ארבעטער, וואָס זיינען אלע זייערע יאָרן געווען באשעפטיגט אין קליין־אינדוסטריע, גייען איצט איבער אין אלץ גרעסערע צאָלן אויף ארבעט אין די אזוי־גערופענע שווערע אינדוסטריען, און דאָס זעלבע איז אמת בנוגע א סך געוועזענע אידישע אנגעשטעלטע און פּראָפעסיאָנאלן. דריטנס, באדייטנדיגע צאָלן פון אידישע טעכניקער, וואָס האָבן אין די פארגאנגענע יאָרן נים געהאט קיין צוטריט צו די שווערע אינדוסטריען, קומען איצט אריין אהין אין אלץ גרעסערע צאָלן. פערטנס, אידישע פרויען, ווי דאָס איז דער פאל מיט אמעריקאנער פרויען בכלל, ווערן אויך אריינגעצויגן וואָס מערער אין אלץ גרעסערע צאָלן אין דער אינדוסטריע און אין דער קריגס־ווירטשאפט. פינפטנס, א גרויסע צאָל אידן בייטן זייערע וואוינונגס־פלעצער. ניו יאָרק, למשל, האלט אין איין פארלירן א סך אידישע איינוואוינער צו אנדערע שטעט, אין וועלכע עס געפינען זיך קריגס־אינדוסטריעס. אלטע אידישע געמיינדעס ענדערן זייער צאָל און צוזאמענשטעל און נייע אידישע געמיינדעס קומען צום שטאנד.

דאָס זיינען בלויז איניגע פון די וויכטיגערע טענדעצן און ענדערונגען, וואָס מערקן זיך אין דעם אידישן לעבן. און זיי האָבן שוין ארויסגערוקט א צאָל פּראקטישע פראגן פאר פארשיידענע געזעלשאפטלעכע און ארבעטער־אָרגאניזאציעס.

די ערשטע פראַגע איז ווי אַזוי מער דערפאָלגרייך צו באַקעמפן די פּאָליטיק פון דיסקרימינאַציע געגן אידן אין די קריגס־אינדוסטריען. דיסקרימינאַציעס געגן אידן אין די אַזוי־גערופענע שווערע אינדוסטריען פון לאַנד האָבן אַלעמאָל עקזיסטירט. אָבער אין די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן די דאָזיגע דיסקרימינאַציעס געטראָפן בלויז אַן אומבאַדייטנדיגן פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג, ווייל מערסטנס גרעסטע מערהייט עס האָט געאַרבעט און געמאַכט אַ לעבן אַרום אינדוסטריען וואָס פלעגן געוויינלעך באַצייכנט ווערן אַלס אידישע, און וואו די פראַגע פון דיסקרימינאַציעס געגן אידן האָט דעריבער ניט עקזיסטירט. היינט אָבער, ווען אַלץ גרעסערע און גרעסערע צאָלן אידן מוזן זוכן באַשעפטיגונג אין די שווערע און פונדאַמענטאַלע אינדוסטריען פון לאַנד, נעמט אָן די פראַגע גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. זי ווערט אַ פראַגע פאַר אַלע אידן פון אַמעריקע. און נישט נאָר פאַר די אידן, נאָר פאַרן גאַנצן לאַנד.

מען מוז דאָ אין זינען האָבן, אַז דיסקרימינאַציעס געגן אידן אין די שווערע אינדוסטריען היינט צו טאָג גייען האַנט אין האַנט מיט אַ פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטישער העצע. עס איז אַ פאַקט, אַז דער פינפטער קאָלום זוכט אויסצונוצן דאָס אַריינקומען פון גרעסערע צאָלן אידן אין די שווערע אינדוסטריען כדי אויפצוהויבן אַ כוואַליע פון נייע אַנטיסעמיטישע העצעס צווישן די ניט־אידישע אַרבעטער אין די דאָזיגע אינדוסטריען ווי אויך צווישן דער אַלגעמיינער ניט־אידישער באַפעלקערונג. אין אַנדערע ווערטער, די עקאָנאָמישע טענדענץ פון אונזער קריגס־ווירטשאַפט, וועלכע צווינגט אַ שטייגנדיגע צאָל אידישע אַרבעטער און געוועזענע קליינע געשעפטסלייט צו זוכן באַשעפטיגונג אין די קריגס־אינדוסטריען, שטעלט אַוועק פאַר די אידן פון אַמעריקע און פאַר דעם גאַנצן לאַנד די פראַגע נישט נאָר ווי אַזוי בייצוקומען דיסקרימינאַציעס געגן אידן, נאָר אויך ווי אַזוי צו באַקעמפן און מאַכן אומשעדלעך די נייע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניעס, וואָס זיינען אַ געפאַר ניט נאָר פאַר אידן, נאָר פאַר דער גאַנצער קריגס־פירונג פון לאַנד.

אויף אַ ספּעציעלן אופן שטייט די פראַגע פאַר די טרעיד־יוניאָנס. די טרעיד־יוניאָנס זיינען, פאַרשטענדלעך, שטאַרק פאַראינטערעסירט צו באַקעמפן אַנטיסעמיטישע העצעס, מחמת אַזעלכע העצעס קאָנען אונטערגראָבן דעם סאַמע פונדאַמענט פון טרעיד־יוניאָניזם דורך דער צעשפּליטערונג אין די אַרבעטער־רייען, וואָס אַנטיסעמיטיזם זוכט אַריינצוברענגען. די טרעיד־יוניאָנס פון די קריגס־אינדוסטריען האָבן אויך די אויפגאַבע אַריינצוציען וואָס שנעלער די אידישע אַרבעטער אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, האָבנדיג אין זינען ספּעציעל אַז פיל פון די

דאָזיגע נייע אידישע אַרבעטער זיינען געוועזענע קליינע געשעפטסלייט, וואָס האָבן ניט קיין טראַדיציע און קיין דערפאַרונג פון טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע. קורץ, פאַר די טרעיד־יוניאָנס שטייט איצט אַ גאַנץ באַשטימטע אויפגאַבע פון באַקעמפן אינטענסיוו דיסקרימינאַציעס געגן אידן אין דער קריגס־ווירטשאַפט ווי אויך געגן די נעגערן, איטאַליענער און אַנדערע; אויפצוקלערן די ברייטסטע שיכטן אַרבעטער די געפאַרן פון אַנטיסעמיטיזם און אויפדעקן די אַנטיסעמיטישע פאַרשווערונגען פון דעם פינפטן קאָלום; און, לעצטנס, אַריינצוציען אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג די נייע אידישע אַרבעטער און פאַרוואַנדלען זיי אין נוצלעכע און נויטיגע מיטגלידער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אויבן־דערמאָנטע ענדערונגען אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די אַמעריקאַנער אידן און אין זייערע וואוינונגס־פלעצער רופן אַרויס נייע אויפגאַבן פאַר אַלע אידישע אַרבעטער און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. זיי מוזן אויפנעמען דעם קאַמף געגן אידן־דיסקרימינאַציעס אין דער קריגס־ווירטשאַפט און געגן די נייע אַנטיסעמיטישע העצעס, מיט זייער גאַנצן כח און זיי מוזן זיך פאַראייניגן פאַר דעם צוועק מיט אַלע ניט־אידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקאַנער פאָלק. זיי מוזן זיך אויך פאַראינטערעסירן דערמיט ווי אַזוי באַהילפיג צו זיין דער ניי־אָריבערגעקומענער אידישער באַפעלקערונג איינצואָרדענען זייער לעבן דאָרט, אין די נייע שטעט, אויפן בעסטן אופן, און צו פאַרבינדן זיי וואָס שנעלער מיט דעם אָרטיגן אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס זיינען באַלדיגע פּראַקטישע פראַגן, וואָס שטייען היינט אויף דער טאָג־אָרדענונג.

ס׳איז אָבער נויטיג אויך אָוועקצושטעלן די פראַגע וועגן די ווייטער־גייענדיגע קאָנסעקווענצן, וואָס וואַקסן אַרויס פון די דערמאָנטע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע. איינע פון די דאָזיגע קאָנסעקווענצן וועט אָן ספק זיין די, אַז עס וועט זיך שאַפן אַן ענגערע פאַרבינדונג פון די גרויסע מאַסן אידן פון אַמעריקע מיט דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן. פריער האָבן אַ סך פון די אידן געלעבט אין געדיכטע אידישע געמיינדעס, כמעט אויסשליסלעך צווישן אידן, און זיך זעלטן באַגעגנט מיט ניט־אידן אפילו אין עקאָנאָמישן לעבן. איצט אָבער וועלן גרעסערע מאַסן אַמעריקאַנער אידן אַרבעטן און לעבן צווישן געדיכטע מאַסן ניט־אידן און אין די וויכטיגסטע אינדוסטריעס פון לאַנד. אַזוי אַרום וועלן זיי מוזן ענגער אַריינגעצויגן ווערן אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקע, פיל מערער ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביז איצט פאַר די דאָזיגע אידן.

דאס איז א פאזיטיווער רעזולטאט און א גוטער. דאס וועט בשום אופן ניט הייסן, אז די דאזיגע אידן וועלן אויפהערן צו זיין אידן, ווי עס קאן זיך עמיצן דוכטן, כאטש אסימילאטארישע טענדענצן וועלן זיך מסתמא א ביסעלע שטארקן. כדי צו זען דעם ענין מיט פולער קלארקייט דארף מען אנפאנגען צו פארשטיין, אז א איד אין אמעריקע איז ניט נאר דער וואס רעדט און לייענט אידיש. צום באדויערן, איז דער אמת נאך אלץ ניט אנגעמבאר פאר געוויסע אידישע קרייזן, כאטש ס'איז שווער צו זען פארוואס. דער פאקט איז, אז די גרעסטע מערהייט פון אמעריקאנער־געבוירענע אידן, פון וועלכע מערסטע רעדן ניט קיין אידיש און לייענען ניט קיין אידיש, זיינען פונדעסטוועגן פונקט אזעלכע גוטע אידן ווי די וואס רעדן און לייענען נאר אידיש. דאס איז א פאקט. פון דעם איז געדרונגען, אז אויב נייע טויזנטער און צענדליגער טויזנטער אמעריקאנער אידן ווערן איצט אריינגעצויגן טיפער אין דעם אלגעמיינעם אמעריקאנער לעבן, עקאנאמיש און געזעלשאפטלעך, מיינט דאס בשום אופן ניט, אז מיר האבן זיי אנגעווארן אלם אידן.

פארקערט. מיר זיינען גענויגט צו דענקען, אז אן ענגערע פארבינדונג מיט דעם אלגעמיין־אמעריקאנער לעבן אויף אלע געביטן, איינגעשלאסן אן ענגערע צוזאמענארבעט מיט דער אלגעמיינער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג, וועט מאכן פון די נייע אידישע ארבעטער בעסערע אידן און בעסערע אידישע פאלקס־מענטשן ווי זיי זיינען געוועזן פריער. מיר טיילן בשום אופן ניט דעם געדאנק, אז א פולשטענדיגער אמעריקאנער אדער גוט־אמעריקאניזירטער איד קאן ניט זיין קיין גוטער איד. און ווען מען נעמט נאך אין אנבאטראכט די גאנצע איצטיגע וועלט־לאגע, וועלכע האלט אין איין שטארקן דעם אידישן באוואוסטזיין ביי די ברייטסטע מאסן אידן צוזאמען מיט זייער באוואוסטזיין פון פארבונדנקייט מיט אלע פרייהייט־ליבנדע פעלקער און מיט דעם אמעריקאנער פאלק בפרט, מעג מען זיין פולשטענדיג זיכער, אז דער נעטער רעזולטאט פון די לויפנדיגע עקאנאמישע טענדענצן און ענדערונגען אין דעם אידישן לעבן אין אמעריקע וועט זיין אזעלכער, וואס וועט שטארקן דעם אידישן און דעם אמעריקאנישן פאלקס־באוואוסטזיין ביי ברייטערע שיכטן פון אידישן פאלק דא אין לאנד.

מען דארף זיך דעריבער אריענטירן אויף א פערספעקטיווע, וואס וועט ברענגען דערצו, אז דער טאטאלער רעזולטאט פון די עקאנאמישע ענדערונגען און איבערוואנדערונגען אין דעם אידישן לעבן וועט שטארקן צווישן די אידן פון אמעריקע דעם אידישן פאלקס־באוואוסטזיין און פאלקס־איינגקייט, נישט געקוקט דערויף, וואס אסימילאטארישע טענ־

דענצן וועלן זיך אויך שטארקן. מער ניט, דער פארשטארקטער אידישער פאָלקס־באוואוסטזיין און פאָלקס־אייניגקייט ביי די אידן אין אמעריקע וועט וואקסן ניט אויף דעם אלטן וועג פון א צעטיילט און צעשפּליטערט אידיש פאָלק — א פאָלק פון „אידישע" אידן און „אמעריקאנער" אידן. ניין, נישט אויף דעם וועג, נאָר אויף א בעסערן וועג און אויף א העכערער שטופע, וואו ענגליש־רעדנדיגע אידן און אידיש־רעדנדיגע אידן וועלן זיך בעסער פארשטיין און וועלן אלע אין איינעם בויען דאָס אידישע לעבן פון אמעריקע פּאָליטיש און קולטורעל און זיי וועלן אזוי ארום ווערן מער וויכטיג און מער ווערטפול פאר דעם וואוקס און בליאונג פון דער אמערי־קאנער נאציע, פון אמעריקע אלס לאנד און פאָלק.

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן אין א פּאָר ווערטער. עס איז צו דער־ווארטן — און פאר דעם דארף מען ארבעטן — אז די עקאָנאָמישע ענדערונגען אין אונזער לעבן וועלן מאכן פון אלע אמעריקאנער אידן בעסערע אידן און בעסערע אמעריקאנער.

ס'איז אפשר כדאי צו באמערקן, אז די דאָזיגע פּערספּעקטיווע פאר די אידישע פאָלקס־מאסן פון אמעריקע קאָן מען זען באזונדערס קלאָר טאקע ווען מען שטודירט דורך בראודער'ס בוך מיט די אלע לעבנס־פּראָבלעמען פון אונזער לאנד, מיט וועלכן דער בוך באשעפטיגט זיך. מיט דער הילף פון די פונדאמענטאלע אויספירן פון דעם בוך קאָנען מיר איצט א קוק טאָן מיט קלאָרערע אויגן אויף די באלדיגע פּראָבלעמען און אויפ־גאבן פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין אמעריקע.

II

פּראָבלעמען פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט

ווען מיר רעדן וועגן אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין אמעריקע, רעדן מיר וועגן א גאנץ פשוטער זאך. אלע אידן פון אמעריקע זאָלן שטיין און ארבעטן אין איינעם פאר דעם זיג פון אונזער לאנד אין דער מלחמה און פאר א פריי לעבן פאר אונזער פאָלק אין אלע לענדער נאָך דער מלחמה. אז מיר זאָגן אלע אידן, מיינען מיר בפועל ממש אלע אידן אָן אונטערשייד פון פּאָליטישע ריכטונגען און פארטייען. דאָס מוזן מיר טאָן כדי צו מאכן דעם גרעסטן אידישן ביישטייער צום זיג. מחמת מיר מוזן גאנץ קלאָר פאר־שטיין, אז וואָס גרעסער עס וועט זיין דער אידישער ביישטייער צום זיג אלץ בעסער וועלן זיין די אידישע אויסזיכטן נאָך דעם זיג. אידישע

פאָלקס־אייניגקייט אין אַמעריקע וועט אונז העלפן מאַכן אַ גרעסערן בייטראָג צו אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייניגקייט. דאָס דאַרף האָבן אַמעריקע בכלל, דאָס דאַרפן מיר אידן בפרט.

צום באַדויערן זיינען נאָך דאָ ביי אונז מענטשן, וואָס נעמען ניט גענוג ערנסט די פראַגע פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט; מענטשן, וואָס טשעפּען זיך צו דער אידישער פאָלקס־אייניגקייט און זוכן אַלערליי תירוצים כדי נישט צו העלפן זי בויען. אַזעלכע אידן צווישן אונז וואָלטן שוין געמעגט ווערן קליגער. ס'איז שוין צייט.

מיר האָבן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס לאַכן אָפּ פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט און באַקעמפן עס מיט אַלע מיטלען. מיר האָבן דאָ אין זינען איבערהויפּט די איצטיגע פירערשאַפט פון „פאָרווערטס", און ענלעכע עלעמענטן אין אַנדערע אידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיגע האָבן ליב צו מאַכן שפּאַס איבערהויפּט פון דעם, וואָס — ווי זיי זאָגן — די היגע אידישע קאָמוניסטן זיינען מיט אַמאָל געוואָרן אַזעלכע הייסע אָנהענגער פון אידישער אחדות און פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט. זיי דערערדן זיך אַפילו צו דעם, אַז די היגע אידישע קאָמוניסטן האָבן פאַרראַטן זייערע פּרינציפּן פון קלאַסן־קאַמף דערמיט וואָס זיי זיינען געוואָרן אָנהענגער פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט. אַזוי אַרום האָבן מיר פאַר זיך דעם ריכטיגן שפּאַס, אַז די איצטיגע פירערשאַפט פון „פאָרווערטס" טרעט אַרויס אין דער ראָלע פון אַ באַשיצער פון קאָמוניסטישע פּרינציפּן און פּרינציפּן־טרייהייט בכלל.

אָבער דער ענין איז צו ערנסט, אַז מען זאָל אים קאָנען אָפּהאַנדלען בלויז מיט אַ שפּאַס. עס איז נויטיג קלאָר צו מאַכן, אַז די אידישע פאָלקס־אייניגקייט, וועלכע האַלט איצט אין וואַקסן און וואָס די היגע אידישע קאָמוניסטן שטיצן מיט אַלע זייערע כחות, איז אינגאַנצן נישט פון דעם זעלבן מין אַזוי־גערופענער טראַדיציאָנעלער אידישער אחדות און כלל־ישראל פּאָליטיק, מיט וועלכער פיל פון די איצטיגע געגנער פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט האָבן זיך אַלע זייערע יאָרן באַשעפטיגט. ניין, די איצטיגע אידישע פאָלקס־אייניגקייט איז גאָר אַן אַנדער זאַך.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די טראַדיציאָנעלע כלל־ישראל פּאָליטיק און אַזוי־גערופענע אידישע אחדות האָט געמיינט אין דער ווירקלעכקייט נישט אידישע פאָלקס־אייניגקייט. ניין, נישט דאָס. עס האָט געמיינט און עס האָט אונטער יענע אומשטענדן ניט געקאָנט מיינען קיין אַנדער זאַך ווי אונטערוואַרפן דעם אידישן אַרבעטער און דעם אידישן אָרעמאַן צו דעם ווילן און צו דער קלאַסן־פּאָליטיק פון דעם אידישן באַלעבאָס און דעם גביר. אין יענע יאָרן האָבן די איצטיגע פירער פון „פאָרווערטס"

און די אַנדערע גענגער פון אידישער פּאָלקס־איינינקייט דוקא ליב געהאַט צו פירן כלל־ישראל פּאָליטיק; און דוקא אַזאַ מין כלל־ישראל פּאָליטיק, וואָס האָט געשטאַרקט דעם איינפלוס פון די סאַמע רייכסטע אידן און האָט אָפּגעשוואַכט דעם איינפלוס פון די אָרעמערע אידן און די אידישע אַרבעטער. איצט אָבער, אין דער גאַנץ נייער וועלט־לאַגע, ווען כלל־ישראל פּאָליטיק מיינט אַן אמת'ע אידישע פּאָלקס־איינינקייט, איצט איז דאָס געוואָרן טריף ביי די פירער פון „פאָרווערטס". אין דער איצטיגער צייט, ווען אידישע פּאָלקס־איינינקייט ווערט געבויט און קאָן געבויט ווערן ניט אויפן חשבון פון די אָרעמע לטובת די רייכע, נאָר אַלס אַן אמת'ער שותפות פון קלאַסן, פון אַן אָרגאַניזירטן און זעלבסטשטענדיגן אידישן אַרבעטער־קלאַס מיט די אָרגאַניזירטע כחות פון אַנדערע קלאַסן אין דעם אידישן לעבן, אַ שותפות וואָס זיין הויפּט־צוועק איז צו ראַטעווען דאָס אידישע פּאָלק פון פיזישן אונטערגאַנג, דוקא איצט האָט כלל־ישראל פּאָליטיק און אידישע אחדות אָנגעוואָרן יעדן חן אין די אויגן פון די איצטיגע פירער פון „פאָרווערטס". אָבער נישט אינגאַנצן. מיט די גאָר רייכע אידן פון אַמעריקע וויל זיך דער „פאָרווערטס" נאָך אַלץ חבר'ן, און אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס חבר'ן וויל ער זיך נישט מיט יענע רייכע אַמעריקאַנער אידן וואָס זיינען געניינט פריינטלעך צו אידישער פּאָלקס־איינינקייט, נאָר גראָד מיט די וואָס האָבן מורא צו טראַכטן וועגן זיך אַלס אידן און שרעקן זיך פאַר אידישער פּאָלקס־איינינקייט ווי פאַר פייער.

ס'איז געווען אַ צייט ווען כלל־ישראל פּאָליטיק האָט געמיינט אין דער ווירקלעכקייט אָפּצושוואַכן דעם איינפלוס פון די אַרבעטער און צו שטאַרקן דעם איינפלוס פון די אידישע גבירים אויף דעם אידישן פּאָלקס־לעבן. דעמאָלט האָבן די איצטיגע גענגער פון אידישער פּאָלקס־איינינקייט זייער שטאַרק געהאַלטן פון אַזאַ פּאָליטיק. אָבער איצט, ווען כלל־ישראל פּאָליטיק מיינט אידישע פּאָלקס־איינינקייט, דאָס הייסט, צו מאַכן די אידישע אַרבעטער מער אַקטיוו און איינפלוסרייך אין דעם אידישן פּאָלקס־לעבן, איצט, זעט איר, איז כלל־ישראל פּאָליטיק געוואָרן אַ שלעכטע זאַך.

די אַלטע טראַדיציאָנעלע כלל־ישראל פּאָליטיק האָט אַלעמאָל געמיינט, אַז די אידישע אַרבעטער זאָלן זיך אָפּזונדערן פון די ניט־אידישע אַר־בעטער. עס האָט געמיינט פאַרלעצן די אינטערנאַציאָנאַלע אחדות פון דעם אַרבעטער־קלאַס. עס האָט געמיינט איינפלאַנצן צווישן די אידישע אַרבעטער געפילן און געדאַנקען פון אַ שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם, פון אַזאַ נאַציאָנאַליזם, וואָס באַטראַכט אַלע אַנדערע פעלקער פאַר נידעריגער ווי דאָס אייגן פּאָלק. דעמאָלט איז כלל־ישראל פּאָליטיק געווען גוט פאַר

די איצטיגע געגנער פון אידישער פאָלקס־איינינקייט, נאָר איצט, ווען כלל־ישראל פּאָליטיק מיינט און קאָן מיינען, אז די אידישע אַרבעטער וועלן זיך נאָך מער דערנעענטערן צו די ניט־אידישע אַרבעטער, מחמת דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס קעמפּט פאַר דער נאַציאָנאַלער איינינקייט פונעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק, איצט, זעט איר, איז כלל־ישראל פּאָליטיק געוואָרן אַ שלעכטער ענין.

דערפון איז געדרונגען בלויז איין זאַך. די אַלע טענות, אז קאָמוניסטן האָבן כלומרשט פאַרראַטן זייערע פּרינציפּן מיט דעם, וואָס זיי שטיצן איצט אידישע פאָלקס־איינינקייט, זיינען ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. דאָס זיינען ניט מער ווי תירוצים. דאָס איז ניט מער ווי אַ מיטל צו פאַרבלענדן די אידישע אַרבעטער די אויגן, כדי זיי זאָלן ניט קאָנען זען אז געגנער־שאַפט צו אידישער פאָלקס־איינינקייט מיינט באמת געגנערשאַפט צו דעם אידישן פאָלק און פריער פאַר אַלץ געגנערשאַפט צו די אידישע אַרבעטער און צו זייערע בעסטע אינטערעסן.

די אמת'ע פראַגע איצט איז שוין ניט מער צי דאַרף מען האָבן אידישע פאָלקס־איינינקייט. די פראַגע איז ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס, וואָס שנעלער און בעסער. די פראַגע האָט שוין היינט צו טאָג אָנגענומען אַ זייער קאָנקרעטן און פּראַקטישן כאַראַקטער. לויט אונזער מיינונג שטייט היינט צו טאָג די פראַגע אַזוי: וואָס אַזוינס קאָן געטאָן ווערן כדי איבער־צוקומען די שוואַכקייטן פון יענע עלעמענטן אינעם אידישן לעבן, וואָס וואַקלען זיך אין דער פראַגע פון פאָלקס־איינינקייט? דאָס איז באמת די צענטראַלע פּראַקטישע פראַגע פון אידישער פאָלקס־איינינקייט אין דעם איצטיגן מאָמענט.

כדי צו זען אז דאָס איז ווירקלעך אַזוי איז גענוג בלויז צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם ווי עס האַלט היינט צו טאָג מיט דער באַוועגונג פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט אין אַמעריקע. און ווען מיר טוען עס, קריגן מיר דאָס פאָלגנדיגע בילד:

די אידן פון אַמעריקע האָבן שוין באַוויזן אויף טויזנטער וועגן, אז זיי ווילן האָבן איינינקייט. דאָס קאָן ניט באַשטריטן ווערן. נאָך מער, ווען מען קוקט זיך צו צו די פאַרשיידענע אידישע באַוועגונגען און אָר־גאַניזאַציעס אין אַמעריקע היינט צו טאָג קאָן מען באַמערקן, אז די אַמערי־קאַנער אידן זיינען שוין איינינג אויף די וויכטיגסטע פראַגן וואָס שטייען פאַר אונזער פאָלק אין דער מלחמה. מיר באַהויפּטן, אז די אַמעריקאַנער אידן זיינען שוין איינשטימיג אויף די פאָלגנדיגע פונקטן:

1) צו געווינען די מלחמה. צו דערגרייכן אַ פולשטענדיגן זיג פאַר אַמעריקע און פאַר אַלע פאַראייניגטע מלוכות. צו באַשיצן די אינטערעסן

פּון אידישן פֿאָלק אין אַלע לענדער אין לויף פֿון קריג און נאָכן זיג.

2) אויסראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם פֿינפֿטן קאָלום. באַפֿעסטיגן די דעמאָקראַטישע רעכט פֿון אידן אין אַמעריקע.

3) ראַטעווען די אידן פֿון איראָפּע פֿון די נאַצים און פֿאַרזיכערן פֿאַר די אידן אין יענע לענדער זייערע דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע רעכט.

4) איינצושטעלן ענגע פֿריינטשאַפֿט מיט די אידן פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און מיטאַרבעטן מיט זיי פֿאַר דעם זיג פֿון די פֿאַראייניגטע מלוכות און פֿאַר די אינטערעסן פֿונעם אידישן פֿאָלק אין אַלע לענדער נאָך דעם זיג.

5) צו העלפֿן בויען דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע און צו העלפֿן איינשטעלן ברידערלעכע באַציאונגען צווישן דעם ישוב און די אַראַבער אין פּאַלעסטינע און אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער. צו שטיצן די פֿאָדערונג פֿון דעם פּאַלעסטינער ישוב מען זאָל מעגלעך מאַכן פֿאַר אים צו באַטייליגן זיך אין דער מלחמה פֿון די פֿאַראייניגטע מלוכות אַלס אַ פֿרייער און אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער ישוב.

6) צו בויען כּסדר אידישע פֿאָלקס־איינינקייט אין אַמעריקע, וואָס זאָל מאַכן איר גרעסטן בייטראָג צו דער באַפֿעסטיגונג פֿון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט און צו דעם וואוקס און פּראָגרעס פֿון אַמעריקע אַלס אַ נאַציע.

ווען מיר זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער אידן זיינען שוין געאייניגט אויף אַזאַ מין פּלאַטפֿאָרמע, מיינען מיר ניט, נאַטירלעך, אַז אַזאַ פּלאַטפֿאָרמע איז שוין פֿאָרמולירט געוואָרן און איז פֿאָרמעל אָנגענומען געוואָרן פֿון די אידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס רעפּרעזענטירן און רעדן פֿאַר די אַמעריקאַנער אידן. דאָס דאַרף ערשט קומען און עס וועט קומען. אין דעם קאָן ניט זיין קיין צווייפֿל. מיר מיינען אָבער יאָ צו זאָגן, אַז אויף אַזאַ פּלאַטפֿאָרמע אַן ערך וואָלטן זיך גרינג געקאָנט איינינגן אַלע אידן פֿון אַמעריקע, ווען מען זאָל זיי די פּלאַטפֿאָרמע ברענגען און פֿרעגן זייער מיינונג איבער איר. דאָס איז די באַלדיגע אויפֿגאַבע פֿון דער אידישער פֿירערשאַפֿט דאָ אין לאַנד.

מען קאָן אָבער אויך זאָגן מער ווי דאָס. אין לויף פֿון די לעצטע חדשים האָבן מיר געהאַט אין לאַנד אַ גאַנצע ריי אַרויסטרעטונגען און אַקציעס פֿון פֿאַרשיידענע אידישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן פֿון אָרגאַניזאַציעס לטובֿת דער מלחמה. ווען מען זאָל דורכקוקן די פֿאָדערונגען און פֿאַרלאַנגען פֿון די אידישע פֿאָלקס־מאַסן, אַרום וועלכע די דאָזיגע אַרויסטרעטונגען זיינען פֿאָרגעקומען, וואָלט מען גלייך דערזען, אַז דאָס לעבן

אַליין האָט שוין אַרויסגערוקט אַ פּלאַטפאָרמע פון אידישער פאָלקס־איינינקייט וואָס איז זייער ענלעך אויף די פונקטן וועלכע מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט. דאָס הייסט, אַז אין דעם קאָך פון לעבן אַליין אַרבעט זיך שוין אויס די פּלאַטפאָרמע פון אידישער פאָלקס־איינינקייט. די אויפגאַבע פון גוטער אידישער פירערשאַפט באַשטייט דעריבער אין דעם, אַז מען זאָל אין דעם דאָזיגן פּראָצעס אַריינטראָגן מער באַוואוסטזיניגקייט, מער פּלאַנמעסיגקייט, מער אָרגאַניזירטקייט.

די באַוועגונג פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט אין אַמעריקע האָט שוין היינט צו טאָג אַ גרויסע צאָל וויכטיגע אָרגאַניזירטע שטיץ־פונקטן. לאָמיר זיי דאָ אויסרעכענען בקיצור: דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס; די איינינקייט־כחות אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער באַוועגונג; די אידישע אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס; דער קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער (דער זשיטלאָווסקי־קאָמיטעט); דער אידישער קאָונסיל פון ראָשען וואָר רעליף; די רעליגיעזע אידן און זייערע אָרגאַניזאַציעס; די לאַנדסמאַנשאַפטן; די אידישע סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן; דער אידישער טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט פאַר טאַנקען און עראָפּלאַנען; די איינינקייט־עלעמענטן אין אַזעלכע וויכטיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס ווי דער אָרדן בני ברית; איינפלוסרייכע עלעמענטן אין דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, וואָס קוקן גינסטיג אויף אידישער פאָלקס־איינינקייט; דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט און וויכטיגע אַרבעטער־טוער און פירער, וואָס וואָלטן געקאָנט אַרבעטן פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט, נאָר וואָס זייער איינפלוס איז נאָך אַלץ פּאַראַליזירט דורך דער הערשאַפט פון דער איצטיגער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט אין דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

דאָס איז בשום אופן ניט קיין פולער ליסט פון שטיץ־פונקטן פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט. אין יעדן צענטער פון אידישן לעבן אין אַמעריקע עקזיסטירן צאָלרייכע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן אין איינעם פאַר דער מלחמה און פאַרן זיג. מיר מיינען דאָ אויך די פאַרשיידענע „קאָמיוניטי" און „וועלפער באָרד" אָרגאַניזאַציעס, וואָס שפּילן אַן אומגעהויער וויכטיגע ראָלע אין דער טאָג־טעגלעכער בויאונג פון אידישער פאָלקס־איינינקייט אין אַמעריקע.

ווען מען נעמט דאָס אַלץ אין אַנבאַטראַכט מוז מען קומען צום שלום, אַז די באַוועגונג פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט אין אַמעריקע שפּאַרט ממש פון אַלע זייטן, אַז זי וואַקסט און שטייגט פון טאָג צו טאָג. נאָר וואָס דען? עס פעלט דער באַוועגונג דער פולער פּאָליטישער באַוואוסטזיין און פּראָגראַם און עס פעלט איר אַ פאַראייניגטע נאַציאָנאַלע פירער־

שאפט. דאָס דאַרף מען אונטערשטרייכן. דעריבער איז דאָס אַזוי דרינגלעך נויטיג, אַז אַ קלאָרע פּראָגראַם פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט און אַ פאַראייניגטע נאַציאָנאַלע פירערשאַפט זאָל וואָס שנעלער געשאַפן ווערן.

קאָן מען זאָגן, אַז די פירער פון די אַמעריקאַנער אידן פאַרשטייען דאָס ניט? ניין, דאָס קאָן מען ניט זאָגן. שוין אַ סך פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס צו דערגרייכן גענוי דעם דאָזיגן צוועק, נעמלעך: אַ קלאָרע פּראָגראַם פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט און אַ פאַראייניגטע נאַציאָנאַלע פירערשאַפט. פרעגט זיך דעריבער: וואָס־זשע פאַרט איז דער אָפּהאַלט? פאַרוואָס ווערן די זאַכן ניט געשאַפן שנעלער? פאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?

אויף די פראַגן מוז מען געפינען אַן ענטפער. און דער ענטפער איז, אַז איינפלוסרייכע עלעמענטן אין דעם אידישן לעבן האַלטן זיך נאָך אַלץ אין וואַקלען אין דער פראַגע פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט. דאָס הייסט, פילע פירנדיגע כחות אין אונזער לעבן, וואָס זיינען בכלל גענומען גינסטיג געשטימט אין דער פראַגע פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט, זיינען נאָך אַפּנים אַלץ ניט גרייט אָנצונעמען אַלע נויטיגע שריט כדי די אייניגקייט צו פאַרווירקלעכן. אין אַנדערע ווערטער, זיי וואַקלען זיך און זיי קווענקלען זיך, און דערפאַר טאַקע ווערט אָפּגעהאַלטן די פולשטענדיגע פאַרווירקלעכונג פון אידישער פאָלקס־אייניגקייט אין אַמעריקע.

אַ פּאָרביישפּילן וועלן באַווייזן וואָס מיר מיינען. אָט, למשל, האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס אָנגענומען זייער אַ גוטע פּראָגראַם פון פאַראייניגטער אידישער מלחמה־אַקציע נאָך אַזוי לאַנג צוריק ווי אין אַפּריל, 1942. דאָס דאָזיגע פּראָגראַם איז זינט דעמאָלט אינדאָרסירט געוואָרן פון אַ גאַנצער ריי אידישע אָרגאַניזאַציעס און צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע וויכטיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַן אויסגעהאַלטענעם אַנטי־פאַשיסטישן כאַראַקטער ווי די אידישע סעקציע פון אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, דער טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט פאַר טאַנקען און עראָפּלאַנען, און דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט. עס האָט זיך דעריבער געקאָנט דוכטן, אַז די פירער פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס וועלן זיך פילן דערמוטיגט און וועלן ענערגיש אונטערנעמען די איניציאַטיווע פון פאַראייניגן אַלע אידן פון אַמעריקע פאַרן זיג און פאַר נאָך דעם זיג. דאָס איז אָבער געשען בלויז צום טייל, ווען דער קאָנגרעס האָט אָרגאַניזירט דעם „יונאַיטעד דזשואיש וואָר עפאָרט" און שפּעטער די ספּעציעלע געלט־קאַמפּאַניע פאַר הילף דער רויטער אַרמיי. דאָס זיינען, ווי געזאָגט, געווען זייער וויכטיגע שריט, פון וועלכע אַ סך גוטס וועט אַרויסקומען, אָבער בלויז ערשטע שריט. דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון פאַראייניגטער אידישער

מלחמה־אקציע דארף ערשט דורכגעפירט ווערן. פרעגט זיך: פארוואס פארט גייט עס צו אזוי פאמעלעך?

נאך א ביישפיל: מיר האבן א אידישן ארבעטער־קאמיטעט אין אמעריקע. אין דעם קאמיטעט זיינען אנגעשלאסן א גרויסע צאל יוניאנס, וואס נעמען ארום די מערהייט פון אידישע ארבעטער. אהין באלאנגט אויך דער ארבעטער רינג. קורץ, א אידישע ארבעטער־ארגאניזאציע, וואס וואלט געקאנט שפילן אן אומגעהויער וויכטיגע ראלע, בשותפות מיטן אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, מיטן אידישן פאלקס־קאמיטעט, דעם ארדן, בני ברית, די רעליגיעזע אידן און זייערע ארגאניזאציעס, די לאנדסמאנ־שאפטן און אויך וויכטיגע קרעפטן פון דער אמעריקען דזשואיש קאמיטע — בשותפות מיט די אלע כחות און פיל אנדערע, וואלט דער אידישער ארבעטער־קאמיטעט געקאנט ברענגען אין א גאנץ שנעלער צייט צו פול־שטענדיגער אידישער פאלקס־איינינקייט אין אמעריקע. אבער דער פאקט איז, אז דער אידישער ארבעטער־קאמיטעט, צוליב דעם וואס די איצטיגע „פארווערטס"־פירערשאפט פארנעמט דארט דעם אויבן־אן, איז געווען און איז פארבליבן איינער פון די הויפט־שטערונגען פאר אידישער פאלקס־איינינקייט אין אמעריקע. מיר ווילן דאס איבערזאגן נאכאמאל — דער קאמיטעט, וואס האט געקאנט ווערן דער הויפט־כח פאר אידישער פאלקס־איינינקייט, איז געווארן און איז ביז היינט צו טאג די הויפט־שטערונג פאר דער דאזיגער איינינקייט.

וואס איז די אורזאך? ווידעראמאל די וואקלענישן און שוואכקייטן מצד איינפלוסרייכע עלעמענטן, אנגעזעענע ארבעטער־פירער, וואס באלאנגען צום אידישן ארבעטער־קאמיטעט. די דאזיגע עלעמענטן וואלטן וועלן האבן אידישע פאלקס־איינינקייט, וואלטן געוואלט ארבעטן פאר דעם, נאר זיי האבן נאך ניט געפונען אין זיך דעם כח פריי צו ווערן פון דער הערשאפט און פון דעם סאבאטאזש פון דער איצטיגער „פארווערטס"־פירערשאפט.

און וואס איז די אורזאך וואס דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס באוועגט זיך אזוי פאמעלעך אויף דעם וועג צו אידישער פאלקס־איינינקייט? דאס איז דערפאר, וואס אויך דארט, אין די רייען פון דעם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס אליין, זיינען דא כחות וואס ווילן ניט קיין אידישע פאלקס־איינינקייט און וואס האבן זיך געשטעלט אין וועג פון אזא איינינקייט. דאס זיינען יענע עלעמענטן (צווישן זיי, איינינגע פירער פון די פועלי־ציון), וואס פירן דורך אינעם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס א פאליטישע ליניע פון שפאלטונג און צעטיילונג, וואס איז זייער ענלעך

אויף דער ליניע וואָס די איצטיגע „פאָרווערטס"־פירערשאַפט פירט דורך אין דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

מיר האָבן פאַר זיך דעריבער דאָס פאָלגנדיגע בילד. די פאָלקס־באַוועגונג פאַר אידישער איינִיגקייט וואַקסט; די איינפלוסרייכסטע פירער פון די אַמעריקאַנער אידן, פון אַלע קלאַסן און פּאָליטישע ריכטונגען, זיינען פאַר דעם, אַז אַזאַ איינִיגקייט זאָל געשאַפן ווערן. אָבער דער ענין גייט צו פּאַמעלעך הויפּטזאַכלעך דערפאַר, וואָס אַ סך פון די דאָזיגע פירער קעמפן ניט מיט דער געהעריגער אויסגעהאַלטנקייט געגן יענע קרעפטן אין דעם אידישן לעבן וואָס שטייען אין וועג פון אידישער פאָלקס־איינִיגקייט. פאַרקערט, אַנשטאָט צו קעמפן, וואַקלען זיי זיך און גיבן זיך אָפּט אונטער. און דערפאַר זאָגן מיר, אַז איינע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען פון אידישער פאָלקס־איינִיגקייט אין אַמעריקע היינט צו טאָג איז צו געפינען דעם וועג ווי אַזוי איבערצוקומען די שוואַכקייטן פון יענע עלעמענטן אין אידישן לעבן, וואָס וואַקלען זיך אין דער פראַגע פון פאָלקס־איינִיגקייט.

מען דאַרף איזאָלירן די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינִיגקייט

דער ענטפער אויף דער פראַגע ווי אַזוי צו שטאַרקן די הענט פון די שוואַכע און וואַקלדיגע, איז צו איזאָלירן די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינִיגקייט, אָפּזונדערן זיי פונעם אידישן פאָלק און אָפּשניידן זייער איינפלוס פון דעם אידישן לעבן. דעם דאָזיגן שלום מוז מען מאַכן צוליב דעם, וואָס די הויפּט־אורזאַך פאַר די וואַקלענישן מצד איינפלוסרייכע אידישע פירער אין דער פראַגע פון פאָלקס־איינִיגקייט ליגט אין דעם דרוק און טעראָר פון די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינִיגקייט. ווער די שונאים זיינען איז שוין היינט צו טאָג גאַנץ ברייט באַקאַנט. דאָס זיינען די אידישע „רעד־בעיטערס". דאָס זיינען די פאַר'עקשנ'טע העצער געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס זיינען די אַלע עלעמענטן אין דעם אידישן לעבן, וואָס שטעלן זייערע ענג־פּאַרטייאישע און קליקע־אינטערעסן העכער פון די אינטערעסן פון גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק, העכער פון די אינטערעסן פון די פאַראייניגטע מלוכות. דאָס זיינען די עלעמענטן, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום זאַך כדי ניט צו דערלאָזן צו פולשטענדיגער אידישער פאָלקס־איינִיגקייט.

דער הויפּט־צענטער פון די דאָזיגע שונאים פון אידישער פאָלקס־איינִיגקייט ליגט, ווי באַקאַנט, אין דער איצטיגער פירערשאַפט פונעם „פאָרווערטס". דאָס דאַרף מען דאָ ניט באַווייזן, כאָטש עס איז איינע פון אונזערע הויפּט־אויפגאַבן אויפצודעקן דעם פאַקט פאַר דער ברייטער

אידישער עפנטלעכקייט און ברענגען דערצו, אז אלע אידן זאלן דאס זען קלאר. די „רעד־בעיטערישע" טאקטיק פון דער איצטיגער „פארווערטס"־פירערשאפט, וואס איז זייער ענלעך פאליטיש אויף דער אויפפירונג פון דער דאיעז־קאמיטע, פאר'סמ'ט ממש דאס גאנצע אידישע לעבן אין אמעריקע. די ליניע פון שטענדיגער העצע געגן דעם סאוועטן־פארבאנד, וואס דער „פארווערטס" פירט דורך טאג־איין טאג־אויס, איז א געפאר פאר די אידן און א געפאר פאר אמעריקע. און דאס וואס די „פארווערטס"־פירערשאפט פארפאלגט און טעראריזירט יעדן אידישן פירער וואס וואגט צו ארבעטן פאר אידישער פאלק־איינינקייט, איז איינע פון די הויפט־שטערונגען פאר דער פאראייניגונג פון אונזער פאלק אין דער מלחמה. מערסטע פון די וואקלענישן, וואס מיר באגעגענען צווישן איינפלוסרייכע אידישע פירער אין אמעריקע אין דער פראגע פון אידישער פאלקס־איינינקייט, שטאמען גענוי פון דעם דרוק און פון דעם טעראר פון דער איצטיגער פירערשאפט פון „פארווערטס".

ווען מיר רעדן דעריבער וועגן דעם, אז מען מוז איזאלירן פונעם אידישן פאלק די שונאים פון אידישער פאלקס־איינינקייט, מיינען מיר פריער פאר אלץ און הויפטזאכלעך די איצטיגע פירערשאפט פון „פארווערטס". אבער ניט נאר זיי. אין א סך אנדערע אידישע ארגאניזאציעס זיינען דא עלעמענטן, וואס פירן דורך א פאליטיק ענלעך צו דער, וואס דער „פארווערטס" פראקטיצירט. מיר געפינען אזעלכע עלעמענטן, ווי שוין אנגעמערקט, אין דעם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, וואו איינינע פירער פון די פועלי־ציון פירן דורך די זעלבע פאליטיק פון שפאלטן און צעטיילן, וואס די „פארווערטס"־פירערשאפט פירט דורך, למשל, אין דעם אידישן ארבעטער־קאמיטעט. און דאס איז ניט קיין צופאל. די דאמינירנדיגע פירערשאפט פון די פועלי־ציון ארבעט האנט אין האנט אויף פיל געביטן מיט דער פירערשאפט פון „פארווערטס".

שונאים פון אידישער פאלקס־איינינקייט געפינט מען אויך אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין אמעריקע און אין די קרייזן פון דער „אמעריקען דזשואיש קאמיטע". אין יעדן אזעלכן פאל איז די פאליטיק פון די דאזיגע עלעמענטן זייער ענלעך אויף דער פאליטיק פון דער „פארווערטס"־פירערשאפט, און אין מערסטע פאלן עקזיסטירט א גאנץ ענגע פארבינדונג צווישן די דאזיגע עלעמענטן און דער „פארווערטס"־פירערשאפט.

ס'איז דעריבער אין גאנצן ניט איבערגעטריבן ווען מיר זאגן, אז דער הויפט־קוואל און צענטער פון שנאה צו אידישער פאלקס־איינינקייט ליגט אין דער איצטיגער פירערשאפט פון „פארווערטס". דערפון ציען מיר דעם

איינציגן מעגלעכן פּראַקטישן שלום. און דאָס איז: כּדי איבערצוקומען די שוואַכקייטן פון יענע עלעמענטן אין אידישן לעבן, וואָס וואַקלען זיך אין דער פראַגע פון פאָלקס־איינגקייט, מוז מען אָפּזונדערן די פירער־שאַפט פון „פאָרווערטס״ פון דעם אידישן פאָלק און אָפּשניידן איר איינפלוס פון דעם אידישן לעבן. מען מוז זי איזאָלירן.

עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז די שוואַכקייטן פון די וואָס וואַקלען זיך און קווענקלען זיך אין דער פראַגע פון אידישער פאָלקס־איינגקייט שטאַמען ניט פון דעם „פאָרווערטס״־טעראָר, נאָר פון אַן אַנדער זאַך. עס ווערט באַהויפּטעט, אַז די אורזאַך פאַרוואָס איינפלוסרייכע פּריינט פון אידישער איינגקייט וואַקלען זיך אין דער פראַגע איז דער פאַקט, וואָס די דאָזיגע עלעמענטן זיינען באמת ניט קיין אַנטי־פאַשיסטן און אַז זיכער זיינען זיי ניט קיין אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטן. מיט דער דאָזיגער אָפּשאַצונג זיינען מיר ניט איינשטימיג, כאָטש מיר זיינען מסכּים, אַז אַ קערנדל פון אמת איז דאָ פאַראַן. אָבער אַ קערנדל פון אמת איז ניט דער אמת.

ס׳איז טאַקע ריכטיג, אַז אַ סך פון די וואָס וואַקלען זיך זיינען באמת ניט קיין אַנטי־פאַשיסטן אין פּרינציפּ, און ס׳איז אודאי ריכטיג, אַז קיינער פון די וואָס וואַקלען זיך איז ניט קיין אויסגעהאַלטענער אַנטי־פאַשיסט. דער דאָזיגער פאַקט האָט זיכער אַ סך צו טאָן דערמיט, וואָס די מענטשן וואַקלען זיך, אָבער דאָס איז ניט די איינציגע אורזאַך פאַר זייערע וואַק־לענישן אין דעם איצטיגן מאָמענט, און זיכער איז עס ניט די הויפּט־אורזאַך. די הויפּט־אורזאַך איז, ווי שוין געזאָגט, דער איינפלוס, דער טעראָר, דער דרוק, וואָס די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינגקייט איבן אויס אויף די דאָזיגע עלעמענטן. די הויפּט־אורזאַך אין דעם איצטיגן פּעריאָד איז דער דרוק און טעראָר פון דער איצטיגער „פאָרווערטס״־פירערשאַפט. און דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן.

קוקט זיך צו נאָכאַמאָל צו דער לאַגע אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. איז עס ניט אַ פאַקט, אַז ניט נאָר די אַרבעטער־מאַסן אַליין נאָר די איבערוועגנדיגע מערהייט פון זייערע פירער זיינען געגן פאַשיזם און פאַר אידישער פאָלקס־איינגקייט? דאָס איז אַ פאַקט, וואָס קיינער קאָן ניט אָפּלייקענען. און דאָך האָבן מיר פאַר זיך אַ אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט ,וואָס נעמט אַרום די מערהייט פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער, און דער דאָזיגער קאָמיטעט איז אין דער פּראַקטיק אַ שטערונג פאַר אידישער פאָלקס־איינגקייט. פון וואַנען נעמט זיך עס?

עס נעמט זיך דערפון, וואָס צווישן די פירער פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן מיר נאָך אַ סך איינפלוסרייכע

מענטשן, וואָס לאָזן זיך פּאַראַליזירן און טעראָריזירן פון דער „פאָר־ווערטס״־פירערשאַפט. אמת, מיר האָבן צום גליק אויך אַנדערע פירער פון אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער. צום ביישפּיל, אַזא מענטש ווי בען גאָלד, דער פּרעזידענט פון דער פּאָריערס יוניאָן. דער סאָרט אַרבעטער־פירער רעפּרעזענטירט באמת די אויסגעהאַלטענע אַנטי־פּאַשיסטישע כחות צווישן די אידישע אַרבעטער. און עס זיינען דאָ אין לאַנד, אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג פון אַמעריקע, אַ סך אַנגעזעענע טוער פון דער זעלבער פּאָליטישער ריכטונג ווי בען גאָלד. צום באַדויערן אָבער איז די ריכטונג נאָך אַלץ אַ מינדערהייט צווישן דעם גאַנצן אידישן פּאָלק. די מערהייט אידישע אַרבעטער־פירער באַלאַנגט נאָך אַלץ צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס לאָזן זיך באַאיינפלוסן פונעם „פאָרווערטס״־טעראָר, כאָטש זייער אייגענע פּאָליטישע אָריענטאַציע גייט אין דער ריכטונג פון אידישער פּאָלקס־איינגקייט. ווען מען נעמט דעריבער דאָס אַלץ אין אַנבאַטראַכט, מוז מען נאָכאַמאָל קומען צום שלום, אַז די הויפּט־אורזאַך אין דעם איצטיגן פּעריאָד פאַר די וואַקלענישן און שוואַכקייטן פון אַ סך אידישע פירער, איז דער טעראָר און דער דרוק פון די שונאים פון אידישער פּאָלקס־איינגקייט — פון דער איצטיגער פירערשאַפט פון „פאָרווערטס״ און פון די עלעמענטן וואָס זיינען מיט איר פּאָליטיש פאַרבונדן. דאָס הייסט: אויב מען וויל העלפן די וואַקלדיגע איבערצוקומען זייערע שוואַכקייטן, מוז מען קעמפן פאַר דעם, אַז די „פאָרווערטס״־פירערשאַפט זאָל איזאָלירט ווערן פון אידישן לעבן.

מיט דעם וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט וואָלטן מיר בשום אופן ניט געוואָלט לאָזן דעם איינדרוק, אַז די „פאָרווערטס״־פירערשאַפט איז אַל־מעכטיג. עס וואָלט געווען זייער שלעכט, ווען מיר זאָלן איבערטרייבן דעם כח און דעם איינפלוס פון דער „פאָרווערטס״־פירערשאַפט און דער־מיט זאָלן מיר אויך אונטערשאַצן דעם כח פון די איינגקייט־עלעמענטן אין דעם אידישן לעבן. דער אמת איז, אַז דער פּראָצעס פון איזאָלירן די איצטיגע פירערשאַפט פון „פאָרווערטס״ האָט זיך שוין אָנגעהויבן. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען צענדליגער ביישפּילן פון די לעצטע עטלעכע חדשים, וואָס באַווייזן אַז עס האָבן שוין אָנגעהויבן בלאָזן קאַלטע ווינטן אַרום די שונאים פון אידישער פּאָלקס־איינגקייט. מער ווי דאָס. מיר וואָלטן אויך געקאָנט באַווייזן, אַז די „פאָרווערטס״־פירערשאַפט אַליין האָט שוין גענומען דערפילן די ערשטע סמנים פון דער אָנקומענדיגער איזאָלאַציע. דער בעסטער באַוויז פאַר דעם איז, וואָס מען האָט אין די פירנדיגע „פאָרווערטס״־קרייזן אָנגעהויבן מורא האָבן אַרויסצולאָזן די כאַנינס צופיל פאַר דער עפנטלעכקייט. און נאָך אַ באַוויז איז דאָס, וואָס

אב. קאהאן אליין האט געפונען פאר נויטיג ארויסצוקומען מיט א דער־קלערונג (זע „פארווערטס" פון 13טן דעצעמבער, 1942), אז זיי זיינען, נעבעך, גאט די נשמה שולדיג, אז אין דער אמת'ן זיינען זיי די בעסטע פריינט פונעם סאוועטן־פארבאנד — ניט סתם קיין מיטלויפער, ווי למשל, זשיטלאווסקי, נאר אמת'ע „מיטקעמפער". וואס באווייזט דאס אלץ? דאס באווייזט ניט, ווי אייניגע קאנען דענקען, אז אב. קאהאן האט געענדערט זיין ליניע, אזוי צו זאגן. ניין, טראכטן אזוי וואלט געמיינט מאכן אן ערנסטן טעות. עס מיינט אבער יא, אז די מענטשן האבן גענומען דער־פילן די געפארן פון אנקומענדיגער איזאלאציע און האבן באשלאסן, אז זיי מוזן זיין א קאפעטשקע מער פארזיכטיג. דאס הייסט, זיי קלייבן זיך איצט פארזעצן די אלטע שפאלטערישע ארבעט מיט עטוואס אנדערע מעטאדן.

וועגן די מעטאדן מוז מען זאגן א פאר ווערטער. אין דער דער־קלערונג, וואס אב. קאהאן האט געמאכט דעם 13טן דעצעמבער, זוכט ער צו שאפן דעם איינדרוק, אז די קאמוניסטן און בכלל די אנטי־פאשיסטן פירן א מלחמה געגן „פארווערטס" דערפאר, וואס דאס איז א סאציאל־דעמאקראטישע צייטונג. עס קומט אויס, לויט אב. קאהאנ'ען, אז די קאמוניסטן פארפאלגן אים דערפאר וואס ער וויל ניט ווערן קיין קאמוניסט. דאס זאגט ער געניוי מיט די ווערטער; און ער שרייט געוואלד, אז ער וויל פארבלייבן א סאציאל־דעמאקראט. ער וויל ניט ווערן קיין קאמוניסט. אלץ וואס ער וויל איז, מען זאל אים לאזן זיין א מיטקעמפער מיטן סאוועטן־פארבאנד. און דאס איז א נייע מעטאדע, א נייער טריק, א נייער קונץ פאר דעם זעלבן אלטן שפאלטערישן צוועק — פאר דעם צוועק* ניט צו דערלאזן צו קיין אידישער פאלקס־איינינגקייט.

מחמת וואס איז דער ריינער אמת? ערשטנס, אז די קאמוניסטן און די אידישע אנטי־פאשיסטן בכלל קעמפן געגן דער איצטיגער „פאר־ווערטס"־פירערשאפט. זיי קעמפן ניט געגן דעם „פארווערטס" אלס צייטונג אדער געגן דעם „פארווערטס" אלס א אידישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע. און לאמיר דאס שטארק אינזינען האבן. צווייטנס, די אי־דישע קאמוניסטן און אנטי־פאשיסטן בכלל קעמפן געגן דער איצטיגער „פארווערטס"־פירערשאפט ניט דערפאר, ווייל זי איז סאציאל־דעמא־קראטיש. בשום אופן ניט. זיי קעמפן געגן דער דאזיגער פירערשאפט דערפאר, וואס זי האנדלט ווי א שונא פון אידישער פאלקס־איינינגקייט. און דאס לאמיר אויך שטארק אינזינען האבן.

אב. קאהאנ'ס באבע־מעשיות, אז די קאמוניסטן ווילן מאכן פון אים א קאמוניסט, וועלן קיינעם ניט אפנארן. מיר קענען א סך קאמוניסטן

אין אַמעריקע, נאָר מיר ווייסן ניט פון איינעם וואָס וואָלט וועלן האָבן אב. קאַהאַנ'ען אין זיין פּאַרטיי. נאָך וויכטיגער פאַר דעם ענין איז דער פאַקט, וואָס שוין באַלד 10 יאָר זינט די קאָמוניסטישע באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט פירט דורך אַן אויסגעהאַלטענע פּאָליטיק פון מיטאַרבעטן מיט מענטשן פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, איבערהויפּט מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פאַר דעם אַלגעמיינעם צוועק צו באַקעמפן דעם פאַשיזם. דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט. ווייל אב. קאַהאַן איצט איינרעדן דעם עולם, אַז די היגע אידישע קאָמוניסטן פאַרפּאָלגן אים ווייל ער וויל פאַרבלייבן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט!

און נאָך אַ זאַך דאַרף דאָ פעסטגעשטעלט ווערן. די היגע אידישע קאָמוניסטן האַלטן זיך פעסט ביי דער פּאָזיציע שוין אַ לאַנגע צייט, אַז פראַגן פון אידעאָלאָגיע — צום ביישפּיל, קאָמוניזם אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם — טאָרן ניט געמאַכט ווערן אין דעם איצטיגן מאָמענט פאַר קיין ענינים פון שאַרפן שטרייט צווישן די מאַסן, נאָר אַז אַלע כחות דאַרפן קאָנצענטרירט ווערן אויף דעם קאַמף געגן דעם פאַשיזם. ס'פאַרשטייט זיך דערביי, אַז קאָמוניסטן פאַרבלייבן פּרינציפּיעלע און אויסגעהאַלטענע געגנער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אַלס אידעאָלאָגיע, און אַז ביי געהעריגע געלעגנהייטן קאָנען קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן דורכפירן פריינטלעכע אויסטוישן פון מיינונגען איבער אידעאָלאָגישע פראַגן, ווען דאָס קאָן געטאָן ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל ניט באַשאַפן קיין שטרייטן צווישן די מאַסן, וואָס קאָנען אָפּציען זייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם הויפּט־קאַמף. אָבער דאָס שטייט אינגאַנצן ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער הויפּט־ליניע פון די קאָמוניסטן, וואָס פאָדערט אַרבעטער־איינינקייט און פאָלקס־איינינקייט פאַר געווינען די מלחמה און אויסראָטן דעם פאַשיזם. פאַרקערט, דאָס איז געווי די הויפּט־ליניע. פרעגט זיך דעריבער נאָכאַמאָל: וואָס פאַר אַ ממשות האָבן אב. קאַהאַנ'ס באַבע־מעשיות, אַז די קאָמוניסטן באַקעמפן דעם „פאָרווערטס", ווייל ער איז סאָציאַל־דעמאָקראַטיש? קיין ממשות ניט.

די קאָמוניסטן באַקעמפן — ניט דעם „פאָרווערטס", נאָר די איצטיגע פירערשאַפט פון „פאָרווערטס". דאָס טוען אַלע אַנטי־פאַשיסטן. דאָס טוען און וועלן טאָן אין אַ שטייגנדיגער מאָס אַלע אידישע פאָלקס־מענטשן און זייערע פירער, און זיי וועלן דאָס טאָן דערפאַר, וואָס די איצטיגע פירערשאַפט פון „פאָרווערטס" שטעלט מיט זיך פאַר די הויפּט־שטערונג און געפאַר פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט.

ס'איז שוין צייט דעריבער ,אַז מענטשן וואָס זיינען באמת פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט נאָר וואָס וואַקלען זיך אין דעם ענין ווייל דער

„פאָרווערטס“ דריקט, זיי זאָלן זיך אויפהערן צו שרעקן פאַר דעם „פאָר־ווערטס“־טעראָר. די אידישע אַרבעטער און די אידישע פאָלקס־מענטשן בכלל דאַרפן זאָגן צו יענע פון זייערע פירער, וואָס לאָזן זיך נאָך באַהערשן פון „פאָרווערטס“: ווערט פרייע מענטשן, טוט ווי אייער אידישער געוויסן הייסט אייך און העלפט בויען אידישע איינינקייט.

ס'איז קלאָר, אַז עס וואַקסט אין דער אידישער עפנטלעכקייט דער געפיל און דער באַוואוסטזיין, אַז מען מוז זיך גאַנץ באַשטימט אָפּזונדערן פון די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינינקייט. ביישפילן פאַר דעם זיינען דאָ אַ סך. ניט לאַנג צוריק האָט דער „טאָג“ געפונען פאַר נויטיג צו געבן אַ שאַרפן ענטפער אויף דער שענדלעכער אַטאַקע, וואָס דער „פאָרווערטס“ האָט געמאַכט אויף די ציוניסטן און אויף דר. וויצמאַנ'ען ספּעציעל, ווייל דער לעצטער האָט געשיקט אַ באַגריסונג צו אַ מיטינג פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער אין קאַרנעגי האָל. לאָמיר דאָ באַמערקן, פאַרבייגייענדיג, אַז די דאָזיגע אַטאַקעס אויף די ציוניסטן פירט דער „פאָרווערטס“ אָן אַלס אַ סיסטעם ניט בלויז בדרך צופאַל. אַפּנים, דער „פאָרווערטס“ האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע ניט צו דער־לאָזן, אַז די ציוניסטן זאָלן זיך ענגער פאַרבינדן מיט דער פאָלקס־באַוועגונג פאַר איינינקייט.

משמעות, אַז דער „טאָג“ האָט דאָס פאַרשטאַנען, ווי דאָס האָבן פאַרשטאַנען פיל אַנדערע, און דער ענטפער וואָס דער „טאָג“ האָט געגעבן דער „פאָרווערטס“־אַטאַקע איז בלויז אַן אָנזאָג פון דעם, וואָס די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט מוזן זאָגן דעם „פאָרווערטס“ קלאָר און פשוט; און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער.

עס איז געקומען די צייט, ווען יעדער אָנשטענדיגער איד דאַרף טאָן אַלץ אין זיינע כחות, אַז די שונאים פון אידישער איינינקייט, און ספּעציעל די גרופּע וואָס באַהערשט איצט דעם „פאָרווערטס“, זאָלן בלייבן שטיין איינע אַליין. און צו די וואָס וואַקלען זיך און קווענקלען זיך אָפּצוברעכן מיט די שונאים פון אידישער איינינקייט און אָפּצוזונדערן זיך פון זיי — צו די דאָזיגע מוזן די אידישע פאָלקס־מאַסן זאָגן: הערט אייך אויף צו וואַקלען, מאַרשירט פאָראויס מוטיג און דרייסט אָן שום מורא פאַרן „פאָרווערטס“, העלפט פאַראייניגן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, פאַר דער רעטונג און צוקונפט פון אונזער פאָלק.

פראַגן וועגן ציוניזם, אידישע אַרמיי און פּאַלעסטינע

איינינגע דענקען, אַז אויב מען נעמט אָן די שטעלונג, אַז די אידן פון

אַמעריקע דאַרפן העלפן בויען דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, מיינט דאָס, אַז מען האָט אָנגענומען די ציוניסטישע פּאָזיציע. עס זאָל מיינען, הייסט עס, אַז דערמיט האָט מען אָנגענומען דעם ציוניזם. דערויף מוזן מיר ענטפערן, אַז דאָס איז אינגאַנצן ניט אַזוי. דער אידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז איין זאַך און ציוניזם איז אַן אַנדער זאַך. דאָס איז אפשר ניט אַלעמאָל געווען גענוי אַזוי, אָבער אין די לעצטע יאָרן איז דאָס גאַנץ באַשטימט דער פּאַקט.

ציוניזם איז אַ פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע ריכטונג אין דעם אידישן לעבן. אירע באַשאַפער זיינען בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע אידישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס אין דער פראַגע פון פּאַלעסטינע האַלטן זיי זיך ביי דער דאָגמע, אַז מיטן אויפבויען פון אַ אידישן היימלאַנד אין פּאַלעסטינע וועט מען האָבן געלייזט די אידישע פראַגע אין דער גאַנצער וועלט. דער ציוניזם איז אויך אַ פּאָליטישע באַוועגונג און אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס פירט דורך אין דעם ענין פּאַלעסטינע אויך אַ ספּעציעל־פּאַרטייאישע פּאָליטיק. מען דאַרף קוים באַווייזן, אַז די מערהייט פון אידישן פּאָלק, און צווישן זיי אויך די קאָמוניסטן, וועלכע באַטראַכטן דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע פאַר אַן אייגענער זאַך, האָבן דערמיט ניט אָנגענומען ניט דעם ציוניזם אַלס נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע און ניט דעם ציוניזם אַלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג. מחמת דער אידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז גאָר אַן אַנדערער און באַזונדערער ענין.

דער אידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז אַ טייל און אַ גליד פונעם גאַנצן אידישן פּאָלק. ממילא זיינען די אינטערעסן און דער וואוילזיין פון דעם דאָזיגן גליד פון אונזער פּאָלק נאָענט און טייער די אידן פון אַלע אַנדערע טיילן פון דער וועלט, אונטער וואָס פאַר אַן אָרדענונג און סיסטעם זיי זאָלן ניט לעבן. איבערהויפּט נאָך, אַז אין די לעצטע יאָרן איז געוואָרן קלאָר, אַז די אידן אין פּאַלעסטינע בויען פאַר זיך אַ פריי און אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל לעבן, אין וועלכן עס זיינען דאָ מעגלעכקייטן, אַז עס זאָל אַרויסוואַקסן מיט דער צייט אַ נייע פאָרמע פון אידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פאַר די אידן וואָס וועלן וואוינען אין פּאַלעס־טינע. און איינע פון די הויפּט־באַדינגונגען פאַר דעם, אַז די מעגלעכקייט זאָל ווערן אַווירקלעכקייט איז, ערשטנס, דער זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות איבער דעם פאַשיזם און, צווייטנס, אַ ברידערלעכע און פריינטלעכע מיטאַרבעט צווישן די אידן אין פּאַלעסטינע מיט די אַראַבער אין פּאַלעס־טינע און מיט די אַראַבער פון אַלע אַנדערע לענדער.

דאָס איז ניט ציוניזם. דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס נעמט ניט אָן די ציוניסטישע דאָגמע, אַז מען קאָן אויפבויען אין פּאַלעסטינע אַ היימ־

לאַנד פֿאַרן אידישן פֿאָלק איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס הייסט אויך ניט, אַז מען נעמט אָן די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע פֿונעם ציוניזם, וואָס ווידערשפּרעכט דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס און איז אויך ניט אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פֿונעם אידישן פֿאָלק. דאָס הייסט אָבער יאָ, אַז מען נעמט אָן די שטעלונג צו דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, וואָס ווערט שוין היינט צו טאָג געשטיצט פֿון דער גרעסטער מערהייט פֿון אידישן פֿאָלק, נעמלעך, אַז דער פּאַלעסטינער אידישער ישוב איז אַ טייל פֿונעם אידישן פֿאָלק, זייער אַ וויכטיגער טייל, און אַז מען דאַרף אים העלפֿן זיך אויפֿבויען און באַפֿעסטיגן. וואָס אָנבאַלאַנגט דער אידישער פֿראַגע אין אַלע אַנדערע לענדער, איז דאָס אַ צווייטער ענין, וועלכער דאַרף געלייזט ווערן און ווערט געלייזט אויף גאָר אַנדערע אופֿנים.

צום בײַשפּיל, אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט די אידישע פֿראַגע שוין געקראָגן איר פֿולשטענדיגע לייזונג. די לייזונג איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פֿון פֿולשטענדיגער גלייכבאַרעכטיגקייט פֿאַר אַלע פֿעלקער און נאַציאָנען פֿון דעם פֿאַרבאַנד. דאָרטן איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג און אויף דעם פֿונדאַמענט אַנטוויקלען זיך פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קולטורן, וואָס זיינען סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט און נאַציאָנאַל אין פֿאָרם, לויט דעם פּרינציפּ וואָס סטאַלין האָט פֿאָרמולירט. אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַנטוויקלען די אידן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אין איינִיגע טיילן פֿון פֿאַרבאַנד לעבן זיי ווי נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, גרעסער אָדער קלענער אין צאָל. פֿון דער אַנדערער זייט, אין בירא־בידזשאַן, קומט פֿאָר אַ פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג פֿון אַ גאָר אַנדער פֿאָרמע פֿון נאַציאָנאַלער אידישער עקזיסטענץ. דאָרטן איז דאָ די פּערספּעקטיווע פֿאַר דעם, אַז עס זאָל זיך אָנזאַמלען אַ קאָמפּאַקטע מאַסע אידן אויף אַ באַשטימטן טייל פֿון סאָוועטישן לאַנד און פֿון וועלכן עס קאָן מיט דער צייט אַרויסוואַקסן אַ נייע פֿאָרמע פֿון פֿולער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע פֿון די אידן אין די לענדער פֿון מזרח און צענטראַל־אייראָפּע, וואו זיי האָבן געלעבט אַלס אונטערדריקטע און פֿאַרפֿאָלגטע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. ווידעראַמאָל אַנדערש איז די לאַגע פֿון די אידן אין אַמעריקע, וועלכע האַלטן וואַרשיינלעך אין אַנטוויקלען אַ ספּעציפֿישע פֿאָרמע פֿון אַ אידישער פֿאָלקס־עקזיסטענץ, וואָס איז אינגאַנצן ניט ענלעך אויף די אידישע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין אייראָפּע און איז אויך ניט ענלעך אויף די

פאַרמען פון נאַצאָנאַלן לעבן וואָס די אידן פירן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָדער אין פּאַלעסטינע.

מיר האָבן, אין אַנדערע ווערטער, אַ פאַרשיידנאַרטיג בילד פון פיל פאָרמען פון נאַציאָנאַלן און פאָלקס־לעבן, וואָס די אידן אַנטוויקלען אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט און וואָס הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין די לענדער אין וועלכע דער אָדער יענער טייל פון אידישן פאָלק לעבט. דערפון איז קלאָר, אַז די ציוניסטיש־פּאַרטייאישע לייזונג פון דער אידן־פראַגע האָט אינגאַנצן ניט צו טאָן מיט דער שטעלונג צו פּאַלעסטינע און צו דער אידן־פראַגע בכלל, וואָס ווערט איצט אָנגענומען פון דער גרעסטער מערהייט פון אידישן פאָלק אין אַלע לענדער, און אַז מען קאָן און מען דאַרף שטיצן דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע אָפּגעזען דערפון, צי מען איז אַ ציוניסט אָדער מען איז ניט קיין ציוניסט.

ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ אידישע פאָלקס־שטעלונג צום פּאַלעסטינער ישוב, וואָס איז ניט ציוניסטיש און ניט אַנטי־ציוניסטיש. דאָס איז אַ שטעלונג, וואָס די אידישע פאָלקס־איינינקייט דאַרף אָננעמען און קאָן אָננעמען. און פאַר דער דאָזיגער שטעלונג האָבן מיר דאָ אַרגומענטירט. דאָס איז אַ שטעלונג, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון געווינען די מלחמה און פון שאַפן אַ פאָלקס־איינינקייט צווישן די אידן, וואָס זאָל קאָנען מאַכן איר גרעסטן און אָנגעזעענסטן בייטראַג צום זיג.

מען פרעגט אויך, צי דאַרף מען שטיצן דעם פאַרשלאַג פאַר אַ אידישער אַרמיי אויב מען נעמט אָן די דערמאָנטע פאָלקס־שטעלונג צו פּאַלעסטינע. דער ענטפער אויף דעם איז, אַז עס ווענדט זיך אָן דעם וואָס מען מיינט מיט אַ אידישער אַרמיי. אויב מען מיינט דערמיט די גרינדונג פון אַ אידישער אַרמיי פון אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל זיך אָנשליסן אָן די אַרמייען פון די פאַראייניגטע מלוכות אויף דעם זעלבן אופן ווי די אַרמייען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, דעמאָלט איז דער ענטפער: ניין. דעם געדאַנק פון אַזאַ אַרמיי קאָן מען ניט שטיצן און די מערהייט פון אידישן פאָלק שטיצט עס טאַקע ניט. דאָס אידישע פאָלק זעט גאַנץ קלאָר, אַז אַזאַ מין אַרמיי איז אַן אילוזיע. אידן קעמפן אין די אַרמייען פון די לענדער אין וועלכע זיי זיינען בירגער און אין וועלכע זיי וועלן בלייבן לעבן נאָך דער מלחמה. און דאָס דאַרף טאַקע זיין אַזוי. דעריבער קאָן ניט זיין קיין רייד וועגן אַ אידישער אַרמיי פאַר די אידן פון דער גאַנצער וועלט.

אַזאַ פאַרשלאַג האָט אין זיך אויך זייער ערנסטע געפאַרן, פון וועלכע מען דאַרף זיך אויסהיטן, כאָטש די מאָטיוון פון די וואָס שלאָגן פאָר

אזא ארמיי קאָנען זיך זיין די בעסטע אין דער וועלט. דער פאָרשלאָג פון אזא מין ארמיי טראָגט מיט זיך צווישן אַנדערע געפאַרן אויך די געפאַר, וואָס עס שטעלט אַ פראַגע־צייכן אויף דער בירגערשאַפט און די נאַציאָ־נאַלע רעכט פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין די לענדער וואו זיי האָבן ביז איצט געלעבט און וואו זיי וועלן פארבלייבן לעבן, אָפּגעזען דערפון וואָס די צוקונפט פון דעם פאַלעסטינער ישוב וועט זיין.

ס׳איז אָבער אויך פאַראַן אַ פאָרשלאָג און אַ פאָדערונג פון אַן אַנדער סאָרט ארמיי. מיר מיינען די פאָדערונג, וואָס קומט פון דעם פאַלעסטינער ישוב גופא. וואָס איז דאָס? זיי פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל געבן דעם פאַלעסטינער אידישן ישוב אַ מעגלעכקייט צו באַטייליגן זיך מיליטעריש אין דער מלחמה, ערשטנס, אין אַ פולער מאָס מיט אַלע זיינע כחות און, צווייטנס, אַז די באַטייליגונג זאָל אָרגאַניזירט ווערן אויף אַזא אופן, אַז אידישע מיליטערישע אָפּטיילונגען אָרגאַניזירט פון דעם פאַלעס־טינער ישוב זאָלן זיך אַלס אַזעלכע באַטייליגן אויף די שלאַכטפעלדער צוזאַמען מיט די ענגלישע און אַנדערע אַרמייען פון די פאַראייניגטע מלוכות.

דאָס, זעט איר, איז שוין גאָר אַן אַנדער ענין. דאָס האָט צו טאָן מיט דער מיליטערישער באַטייליגונג אין דער מלחמה נישט פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט, נאָר פון דעם אידישן ישוב אין פאַלעסטינע. דאָס האָט צו טאָן מיט די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און רעכט פון דעם פאַלעס־טינער ישוב, און ווען מען שטיצט דעם פאַלעסטינער ישוב און זיינע נאַציאָנאַלע רעכט דאַרף מען אויך שטיצן די פאָדערונג. מען דאַרף בלויז צוגעבן איין וויכטיגן פרינציפיעלן פונקט, פאַר וועלכן די אידישע פאָלקס־אייניגקייט דאַרף זיך באַזונדערס איינשטעלן. דער פונקט איז, אַז די זעלבע רעכט זיך צו באַטייליגן אין אַ פולער מאָס אין דער מלחמה געגן דעם פאַשיזם דאַרף פאַרזיכערט ווערן פאַר די אַראַבער אין פאַלעסטינע און פאַר אַלע אַראַבישע פעלקער. מער ווי דאָס, די פאַראייניגטע מלוכות דאַרפן אָננעמען אַלע שריט כדי אַריינצוציען די אַראַבישע פעלקער אַלץ ענגער און נעענטער אין דעם אַלגעמיינעם קריג, צוזאַמען מיט די אידן, און אויך אָננעמען אַלע מיטלען כדי איינצושטעלן ברידערלעכע פאַרבינדונגען צווישן די אידן און די אַראַבער.

נאָך אַ פראַגע פרעגט מען: אויב דאָס זאָל זיין די שטעלונג פון דער אידישער פאָלקס־אייניגקייט צו פאַלעסטינע און צו אַ אידישער אַרמיי, איז מעגלעך פאַר ציוניסטן און ניט־ציוניסטן צו אַרבעטן אין איינעם? דער ענטפער אויף דעם איז אַ פשוטער יאָ. ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, קאָנען גאַנץ באַשטימט אַרבעטן און

קעמפן אין איינעם. דער פאַקט איז, אַז אַזאַ צוזאַמענגעאַרבעט האָט זיך שוין באמת אָנגעהויבן. ציוניסטן, כאָטש נאָך ניט אַלע, האָבן שוין איינגעזען, אַז מען דאַרף האָבן אידישע פאָלקס־איינהייט און אַז אַזאַ איינהייט איז מעגלעך בלויז אויף אַ פּלאַטפאָרמע וואָס קאָן פאַראייניגן אַלע אידן. דאָס קאָן ניט זיין נישט די ציוניסטישע פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמע און נישט די שטעלונג פון די אַנטי־ציוניסטן. עס קאָן זיין בלויז אַ אידישע פאָלקס־פּלאַטפאָרמע, אַזעלכע וואָס קריגט און וועט קריגן די שטיצע פונעם אידישן פאָלק. ממילא איז שוין קלאָר, אַז ציוניסטן און ניט־ציוניסטן דאַרפן אַוועקלייגן אָן אַ זייט זייערע אידעאָלאָגישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, זיי דאַרפן אויך פאַרבייגיין זייערע ספּעציעלע פּאַרטיי־אינטערעסן און דאַרפן זיך צונויפקומען אויף אַזעלכע פאָדערונגען און אויף אַזאַ פּאָליטיק, וואָס אַלע אידן וועלן שטיצן. און פון דעם וואָס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן איז קלאָר, אַז אין דעם ענין פּאַלעסטינער ישוב ווי אויך אין דעם ענין אידישע אַרמיי, קאָן זיך דאָס אידישע פאָלק פון אַלע לענדער איינינגן אויף אַזאַ פּאָליטיק, וואָס שטיצט דעם אידישן ישוב פאַר די אידן פון דעם ישוב, און וואָס זוכט גלייכצייטיג צו פאַרטיידיגן אידישע אינטערעסן, אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע, אין אַלע אַנדערע לענדער לויט די באַדינגונגען אין וועלכע די אידן לעבן און לויט די פאָרמען פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ וואָס זיי קאָנען דאָרטן אַנטוויקלען.

און איצט די לעצטע פראַגע, וואָס מיר ווילן דאָ באַהאַנדלען. מען פרעגט אונז: אויף וועמען זאָלן זיך די אידן אָריענטירן אין דער פראַגע פון דער צוקונפט פון דעם פּאַלעסטינער ישוב? זאָלן זיי זיך אָריענטירן אויף ענגלאַנד, אויף אַמעריקע אָדער אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד? ווי באַקאַנט, זיינען אין די רייען פון ציוניזם פאַראַן פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס איינינגע פון זיי שטרייכן אונטער איין מדינה פון אָריענטאַציע און אַנדערע שטרייכן אונטער אַ צווייטע מדינה אָדער אַ דריטע. דערפון מאַכן איינינגע דעם אויספיר, אַז אַזוי ווי אין דער פראַגע איז ניטאָ קיין איינינגקייט אפילו צווישן ציוניסטן אַליין, טאָ ווי אַזוי קאָן מען דערוואַרטן איינינגקייט צווישן אַלע אידן אין דער פראַגע?

אויך אויף דער פראַגע איז דער ענטפער אַ פּשוטער. דאָס לעבן אַליין האָט שוין באַוויזן, אַז דאָס אידישע פאָלק אָריענטירט זיך און דאַרף זיך אָריענטירן ניט אויף איינער פון די דערמאָנטע דריי גרויסע דעמאָקראַטישע מדינות, נאָר אויף אַלע דריי. דאָס אידישע פאָלק דאַרף זיך אָריענטירן אויף דער קאָאַליציע פון ענגלאַנד, סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע, די קאָאַליציע וועלכע בויט און פירט די פאַראייניגטע מלוכות.

מחמת דער ענין איז גאנץ קלאר. וואס פאר א האפענונגען די אידן זאלן ניט האבן פאר דער צוקונפט, איז זייער ערשטע אויפגאבע צו מאכן זיכער, אז עס וועלן זיין אידן אויף דער וועלט וואס וועלן קאנען האבן א צוקונפט. דאס מיינט, פריער פאר אלץ, געווינען די מלחמה און אויסראטן דעם פאשיזם און צוזאמען מיט אים — דעם אנטיסעמיטיזם. אויב דאס ווערט אנגענומען אלס דער אויסגאנגס־פונקט פון אלע אונזערע דיסקוסיעס, דעמאלט איז שוין קלאר, אז אידישע האפענונגען דארפן זיך שטיצן אויף די הויפט־כחות, וואס פירן צום זיג און וועלן דעם זיג ברענגען. און דאס איז די ענגליש־סאוועטיש־אמעריקאנער קאאליציע. אידן זיינען דעריבער פאראינטערעסירט, צוגלייך מיט אלע אנדערע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער, אז די קאאליציע זאל אנהאלטן, אז זי זאל באפעסטיגט ווערן, אז זי זאל אנהויבן זיך שלאגן צוזאמען אויף די שלאכטפעלדער, און אז זי זאל אנהאלטן נאך דעם זיג אויך.

עס איז דעריבער קלאר, אז אויך אין דער פראגע קאן זיין פול־שטענדיגע אידישע פאלקס־איינהייט, אין וועלכער ציוניסטן, קאמוניסטן, סאציאליסטן, רעליגיעזע אידן, און אלע אנדערע אידן קאנען ארבעטן צוזאמען.

III

די ראלע פון די אויסגעהאלטענע אנטי־פאשיסטן אין דער אידישער פאלקס־איינהייט

מען דארף פארשטיין, אז אין דער אידישער פאלקס־איינהייט, ווי אין דער נאציאנאלער איינהייט פון אמעריקע בכלל, זיינען דא פאר־שיידענע קלאסן, גרופן און פאליטישע ריכטונגען. אלע ווערן זיי געבונדן מיט דעם אלגעמיינעם פארלאנג צו באזיגן די שונאים פון אונזער לאנד און פון אונזער פאלק. און דאס איז דער הויפט־פאקטאר, וואס מאכט מעגלעך א נאציאנאלע איינהייט פון אמעריקע בכלל און א פאלקס־איינהייט פון די אמעריקאנער אידן בפרט. דאס הייסט אבער ניט, אז אלע קלאסן, גרופן און פאליטישע ריכטונגען, וואס גייען אריין אין דער נאציאנאלער אדער פאלקס־איינהייט, באזיצן די זעלבע מאס פייאיגקייט פון אויסגעהאלטענעם קאמף מיטן פאשיזם ביזן סוף. דאס אנצונעמען וואלט געווען נישט ריכטיג, מחמת ס'איז גאנץ גוט באקאנט, אז אין דער נאציאנאלער אמעריקאנער איינהייט ווי אין דער אידישער פאלקס־

איינינקייט-זיינען דאָ גרופּן און ריכטונגען, וואָס זיינען מער דעמאָקראַטיש און מער אַנטי־פאַשיסטיש אויסגעהאַלטן ווי אַנדערע. ס'איז אויך זייער גוט באַקאַנט אַז, צום ביישפּיל, די אַרבעטנדיגע שיכטן פון פאָלק זיינען בדרך כלל מער דעמאָקראַטיש און שטאַרקער אַנטי־פאַשיסטיש ווי די ניט־אַרבעטנדיגע קלאַסן. נאָך מער, צווישן די ניט־אַרבעטנדיגע קלאַסן גופא זיינען דאָ שיכטן, וואָס זיינען מער דעמאָקראַטיש ווי די אַנדערע.

דערפון איז קלאָר, אַז מיר זיינען פולשטענדיג באַרעכטיגט צו רעדן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ ראָלע אין דער אידישער פאָלקס־איינינקייט עס דאַרפן שפּילן די אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטן. מיר נעמען אָן, אַז די אַנטי־פאַשיסטישע כחות אין דעם אידישן לעבן שטאַמען דער עיקר פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, פון די אָרעמערע שיכטן פון אידישן פאָלק בכלל און פון געוויסע טיילן פון דער אידישער אינטעליגענץ. דאָס זיינען כחות, וואָס לויט זייער סאָציאַלער און פּאָליטישער לאַגע גופא זיינען זיי געצוואונגען צו שטיין אויף אַזאַ פּאָזיציע, וואָס פאַרלאַנגט אַ קאַמף מיטן פאַשיזם ביזן סאַמע סוף. דאָס זיינען דעריבער פּרינציפּיעל אויס־געהאַלטענע געגנער פון פאַשיזם. און פון דעם קומען מיר צום שלוס, אַז דאָס זיינען געוויסע די כחות אין דעם אידישן לעבן וואָס קאָנען געבן דער אידישער פאָלקס־איינינקייט די גרעסטע שטאַנדהאַפטיגקייט און דעם גרעסטן כח.

אויב דאָס איז אַזוי, איז דערפון געדרונגען, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון די אַנטי־פאַשיסטישע כחות אין דעם אידישן לעבן איז צו העלפן בויען און שטאַרקן די אידישע פאָלקס־איינינקייט. זייער ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע איז צו שטיצן יעדע באַוועגונג צווישן די אידן, יעדע אַקציע פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרטיידיגט אידישע אינטערעסן און וואָס גייט אין דער ריכטונג פון בויען אידישע פאָלקס־איינינקייט.

מען דאַרף אָבער רעדן וועגן דער פראַגע אביסל מער באַשטימט און קאָנקרעט. מחמת דער ענין אידישע פאָלקס־איינינקייט אין אַמעריקע האָט שוין דערגרייכט אַ גאַנץ הויכע שטופע. דאַרף מען דעריבער זאָגן, אַז די אויפגאַבע פון די אידישע אַנטי־פאַשיסטן איז צו שטיצן איבער־הויפּט יענע עלעמענטן אינעם אידישן לעבן, וואָס זיינען בכח צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע פון פאַראייניגן אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק און וואָס זיינען בכח דערפאָלגרייך די דאָזיגע איניציאַטיווע דורכצופירן אין לעבן.

זיינען דאָ ביי אונז אין אַמעריקע אַזעלכע עלעמענטן? אויף דעם ענטפערן מיר מיט יאָ. מיר באַהויפּטן, אַז די אָנפירנדיגע עלעמענטן פונעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס געפינען זיך, אַ דאַנק אַ גאַנצער ריי

אורזאַכן, אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זיינען באמת בכח צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע אויף צו פאַרווירקלעכן פולשטענדיג די אידישע פאָלקס-אייניגקייט. אודאי ווייסן מיר, אַז אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס זיינען דאָ עלעמענטן, וואָס שטייען פיינטלעך צום געדאַנק פון אידישער פאָלק-אייניגקייט. דאָס האָבן מיר שוין דערמאָנט. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז די דאָזיגע שפּאַלטערישע עלעמענטן זיינען נישט פון די אַנטשיידנדיגע כחות אין אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און אַז דעריבער איז מעגלעך זיי בייצוקומען מיט אַ ביסל אָנשטרענגונג; איבערהויפּט ווען די אייניגקייט-כחות אינעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס זאָלן באַשטיין אויף זייער ליניע פון אייניגקייט, זאָלן קעמפן פאַר איר ענערגיש און דרייסט און זאָלן קריגן די הילף פאַר דעם מצד די אידישע פאָלקס-מאַסן און מצד אַלע אַנדערע אָרגאַניזירטע ריכטונגען אין אידישן לעבן. דעמאָלט איז זיכער, אַז די פירערשאַפט פונעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס וואָלט פאַרווירקלעכט אַ היסטאָרישע אויפגאַבע. זי וואָלט געוואָרן דער פירנדיגער כח אין דעם פּראָצעס פון פאַראייניגן דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע און אין דער אידישער פאָלקס-אייניגקייט בכלל.

מיינט דאָס, אַז מיר נעמען אַראָפּ אינגאַנצן פון חשבון די אידישע אַרבעטערשאַפט, די אידישע טרעיד-יוניאָנס און די אידישע אַרבעטער-פירער? בשום אופן נית. די אידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס זיי באַטראַכטן מיר פאַר דעם סאַמע רוקנביין פון אונזער פאָלק און פאַר דער זיכערסטער גאַראַנטיע פון זיין צוקונפט, דאַרף און מוז שפּילן אַן אַנטשיידנדיגע ראָלע אין דער בויאונג פון אידישער פאָלקס-אייניגקייט אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז ביי אונז אַ פּרינציפּ, פון וועלכן מיר קאָנען נית אָפּוויגן. אָבער דאָס מיינט נית צו זאָגן, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע היינט צו טאָג איז אין אַזאַ לאַגע אַז זי זאָל קאָנען נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע פון פאַראייניגן און פירן די אידישע פאָלקס-אייניגקייט. דאָס איז נית דער פאַל.

די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט איז נאָך דערווייל אַ מינאָריטעט צווישן די אידן, און דאָס איז פּונקט נומער איינס. פּונקט נומער צוויי איז, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט נאָך נית דערגרייכט די שטופע, אויף וועלכער עס וועט ווערן מעגלעך, אַז די גרעסטע מערהייט פון אונזער פאָלק זאָל אָנערקענען די אַרבעטער אַלס זיין פירנדיגן כח. דערצו זיינען מיר נאָך נית געקומען. פּונקט נומער דריי איז, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט היינט צו טאָג איז נית פאַראייניגט, נאָר פאַרקערט, איז שטאַרק צעטיילט. אמת, די שולד ליגט נית אין די אַרבעטער גופא. דאָס ווייסן מיר. די שולד ליגט אין יענע עלעמענטן אין דער אידישער אַר-

בעטער־באַוועגונג, וואָס זיינען אָדער אַליין אַ טייל פון דער „פאָרווערטס"־
פירערשאַפט, אָדער זיי ליגן אונטער דעם קנאַפּל פון דעם „פאָרווערטס".
און דאָס זיינען הויפּטזאַכלעך די כחות, וואָס דערלאָזן ניט צו קיין פאַר־
אייניגטער אידישער אַרבעטערשאַפט. ס'איז קלאָר דעריבער, אַז אַן אַר־
בעטערשאַפט וואָס איז ניט פאַראייניגט אַליין, און כל זמן די אייניגקייט
איז ניט דערגרייכט געוואָרן, איז ניט אין אַ לאַגע צו נעמען אויף זיך
די פירנדיגע איניציאַטיווע פון פאַראייניגן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק,
ווען אַפילו אַלע אַנדערע אומשטענדן וואָלטן שוין געווען גינסטיג פאַר
אַזאַ שריט. און מיר האָבן שוין געזען פריער, אַז די אַלע אַנדערע אומ־
שטענדן זיינען נאָך דערווייל ניט גינסטיג פאַר אַזאַ שריט.

זאָל דאָס מיינען, אַז די אידישע אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס
היינט צו טאָג קאָנען און דאַרפן שפּילן בלויז אַ מינדערהאַפּטע ראָלע אין
דער אידישער פאָלקס־אייניגקייט? אודאי ניט. ווי שווער די אינערלעכע
לאַגע צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט זאָל ניט זיין היינט צו טאָג
פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעטער־אייניגקייט, איז דאָך די לאַגע אַזעלכע,
אַז די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע שפּילן שוין אַ וויכטיגע און אַנט־
שיידנדיגע ראָלע אין דעם קאַמף פאַר אידישער פאָלקס־אייניגקייט. און
וואָס גרעסערע מאַסן אידישע אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס עס
וועלן אַריינגעצויגן ווערן אין דער דאָזיגער אייניגקייט אויף אַן אַקטיוון
אופן, און וואָס מערער אידישע אַרבעטער־פירער עס וועלן אַרויסטרעטן
אַקטיוו אין קאַמף פאַר אידישע אינטערעסן און פאַר אידישער פאָלקס־
אייניגקייט, אַלץ אַ גרעסערע און אַנטשיידנדיגערע ראָלע וועט די אידישע
אַרבעטערשאַפט שפּילן אין דער אידישער פאָלקס־אייניגקייט. אין אַנדערע
ווערטער, די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע אין דעם איצטיגן מאָמענט,
כאָטש זיי קאָנען ניט ווערן די פירנדיגע איניציאַטאָרן און אַנטשיידנדיגע
פירער פון דער אידישער פאָלקס־אייניגקייט, קאָנען און דאַרפן ווערן אַן
אַנטשיידנדיגער פירנדיגער פאַקטאָר אין דער דאָזיגער אייניגקייט,
בשותפות מיט אַלע אַנדערע קלאַסן און שיכטן פון דעם אידישן פאָלק.
קורץ, די אידישע אַרבעטער, זייערע אָרגאַניזאַציעס און זייערע פירער
דאַרפן און קאָנען ווערן אַ וויכטיגער און פירנדיגער באַשטאַנד־טייל און
שותף אין דער אידישער פאָלקס־אייניגקייט.

די פראַגע איז, ווי אַזוי קאָן דאָס דערגרייכט ווערן? און אויף דעם
האָבן מיר שוין דעם ענטפער אָנגעמערקט פריער. מיר האָבן געזאָגט, אַז
די אידישע אַרבעטערשאַפט און איבערהויפּט די אידישע אַנטי־פאַשיסטן
דאַרפן אויסאיבן זייער גאַנצן איינפלוס פאַר דעם, אַז דער אַמעריקאַנער
אידישער קאָנגרעס און די געזעלשאַפטלעכע קרייזן וואָס שטייען נאָענט

צו אים זאָלן נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע פון שאַפן אַזאַ מין אידישע שותפות, אַזאַ מין אידישע אחדות, אַזאַ מין אידישע פאָלקס־איינינקייט.

אויב מען זאָל פרעגן, פאַרוואָס עפּעס דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, וואָלט דער ענטפער געווען קורץ. ערשטנס, פאַרטרעט דער קאָנגרעס אַנטשיידנדיגע מאַסן אַמעריקאַנער אידן, הי־געבוירענע און אימיגראַנטן. צווייטנס, ער איז אין אַזאַ פּאָליטישער און געזעלשאַפט־לעכער לאַגע, אַז ער קאָן זייער לייכט אָנהאַלטן און פאַרשטאַרקן פאַר־בינדונגען סיי מיט דער אידישער אַרבעטערשאַפט, סיי מיט די גאָר רייכע שיכטן פון אידישן פאָלק; און דאָס טאַקע דערפאַר, וואָס ער פאַרטרעט הויפּטזאַכלעך דאָס אידישע קליינבירגערטום, טיילן פון די מיטעלע פאַר־מעגלעכערע קלאַסן, גרויסע שיכטן פון דער אינטעליגענץ און אויך אַ קליינעם טייל אַרבעטער. דריטנס, דער קאָנגרעס איז אידיש־נאַציאָנאַל געשטימט, און כאָטש זיין פירערשאַפט איז מערסטנס ציוניסטיש, פונ־דעסטוועגן איז ער נישט קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ווען עס קומט צו פראַגן פון פאַלעסטינע און ציוניזם, זיינען די פירער פון קאָנגרעס אַלעמאָל געצוואונגען זיך צו רעכענען זייער ערנסט מיט די שטימונגען פון פאָלק בנוגע פּאַלעסטינע און ניט אַזויפיל מיט די ספּעציעלע פאַרטיי־אינטערעסן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פערטנס, און דאָס איז אפשר דאָס וויכטיגסטע פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, דער קאָנגרעס איז היינט צו טאָג די איינציגע נאַציאָנאַל־אָנערקענטע און אָנפירנדיגע אַל־געמיינע אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג, וואָס באַמיט זיך צו אַנטוויקלען אַ ליניע פון אידישער פאָלקס־איינינקייט, כאָטש דאָס ווערט דורכגעפירט מיט וואַקלענישן און מיט קווענקלענישן.

נעמט מען די אַלע זאַכן אין אָנבאַטראַכט, און וויל מען זיין פּראַק־טיש, מוז מען קומען צום שלוס, אַז דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס איז אַזוי־צו־זאָגן די לאָגישע אָרגאַניזאַציע וואָס קאָן מיט דערפאָלג נעמען אויף זיך די פירנדיגע איניציאַטיווע פון העלפן פאַראייניגן דאָס אידישע פאָלק. דער קאָנגרעס קאָן דאָס, נאַטירלעך, ניט טאָן אַליין. ער קאָן בלויז זיין דער אָנפאַנגער, דער אָרגאַניזאַטאָר, אַזוי צו זאָגן. דער קאָנגרעס דאַרף פאַרשטיין, אַז אידישע פאָלקס־איינינקייט מיינט, אַז דער קאָנגרעס דאַרף זיך פאַראייניגן מיט דער אידישער אַרבעטערשאַפט — מיט אַלע ריכטונגען אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט, ניט נאָר מיט איינער — מיט די איינינקייט־כחות אין דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, מיט דעם בני ברית, מיט די רעליגיעזע אידן פון אַלע שאַטירונגען, מיט די לאַנדסמאַנ־שאַפטן, און מיט אַלע אַנדערע טיילן פון דעם אידישן פאָלק אין אַמעריקע.

אודאי וואָלטן די אויסזיכטן פאַר אַ שנעלער פאַראייניגונג פון די אַמעריקאַנער אידן געווען זייער גלענצנדיגע, ווען ניט נאָר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס נאָר אויך דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט וואָלט אַקטיוו אַריינגעטראָטן אין דער אַרבעט. ביידע אין איינעם וואָלטן אָן צוויפל געקאָנט דערגרייכן וואונדער אויפן געביט פון אידישער פאָלקס־איינינקייט. אָבער דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט ליגט נאָך אַלץ אונטערן קנאַפל פון דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט, כאָטש מען מוז אונטערשטרייכן, אַז זינט דער לעצטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פונעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיך גענומען מערקן אַ גאַנצע ריי גינסטיגע דערשיינונגען. מיר מיינען דאָ דעם פאַקט, וואָס אַ סך טרעיד־יוניאָן פירער, וואָס זייערע אָרגאַניזאַציעס באַלאַנגען צום אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָבן גענומען אַרויסווייזן סמנים — דערווייל נאָך שוואַכע סמנים — אַז זיי מיינען זיך באַפרייען פון דער „פאָרווערטס"־הערשאַפט. די צוקונפט קוקט דעריבער אויס גוט פאַר דער ראָלע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין דער אידישער פאָלקס־איינינקייט. אָבער מען מוז זיך רעכענען מיט די פאַקטן ווי זיי זיינען. און די פאַקטן זיינען, אַז דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט איז נאָך אַלץ אַ שטערונג פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט און ניט קיין הילף. מוז מען דעריבער היינט צו טאָג רעדן פון אַזאַ אָריענטאַציע, לויט וועלכער יעדע אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע דאַרף שטרעבן אויסצואיבן איר מאַקסימום איינפלוס אויף דער פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אויף די איינינקייט־כחות אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע פון דערגרייכן אַ פאַראייניגונג פון אַלע אידן אין אַמעריקע. און געגוי אויף דעם געביט האָבן די אידישע אַנטי־פאַשיסטן דורכצופירן אַ וויכטיגע אויפגאַבע. עס איז ספּעציעל זייער אויפגאַבע צו באַוועגן די אידישע אַרבעטערשאַפט אָנצונעמען אַזאַ מין אָריענטאַציע. . .

אָבער דערמיט אַליין שעפּט זיך נאָך ניט אויס די ראָלע פון די אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטן אין דער אידישער פאָלקס־איינינקייט. זייער ערשטע אויפגאַבע בלייבט טאַקע צו שטיצן יעדע באַוועגונג און אַקציע פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט, און פריער פאַר אַלץ — צו שטיצן די איניציאַטיווע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. נאָר כדי דאָס צו דערגרייכן אויפן בעסטן אופן, האָבן די אידישע אַנטי־פאַשיסטן נאָך איין אויפגאַבע, און דאָס איז — אַליין צו אָרגאַניזירן אַזעלכע אַרויסטרעטונגען אין די אינטערעסן פונעם אידישן פאָלק, וואָס זאָלן סטימולירן און אונטערשטופּן אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס אַז זיי זאָלן טאָן דאָס זעלבע, נאָר

אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב און אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע אידן פון אַמעריקע זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין די דאָזיגע אַקציעס.

אימעצן קאָן זיך דוכטן, אַז צווישן די דאָזיגע צוויי אויפגאַבן איז דאָ אַ ווידערשפּרוך; אַז די צווייטע אויפגאַבע, וועלכע פאַרלאַנגט פון די אַנטי־פאַשיסטן זיי זאָלן זעלבסטשטענדיג אָרגאַניזירן אַרויסטרעטונגען אין די אינטערעסן פון אידישן פאָלק, גייט להיפוך דער ערשטער אויפ־גאַבע, וואָס פאַרלאַנגט אַז זיי זאָלן פריער פאַר אַלץ שטיצן די איניציאַטיווע פון אַנדערע און גרעסערע כחות אינעם אידישן לעבן. דער ענטפער איז, אַז דאָ איז אינגאַנצן ניטאָ קיין ווידערשפּרוך. דאָס לעבן אַליין האָט עס שוין באַוויזן. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן.

ביישפּיל נומער איינס. ווען ס׳איז געקומען צו אונז אין אַמעריקע דער רוף פון דעם אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין קויבישעוו, פאַר הילף דער רויטער אַרמיי, האָבן די היגע אידישע אַנטי־פאַשיסטן פאָרגעשלאָגן, אַז די גרעסערע כחות ביי די אידן אין אַמעריקע זאָלן אָר־גאַניזירן דעם ענטפער אויף דעם דאָזיגן רוף. אָבער די גרעסערע כחות האָבן זיך געוואַקלט און געקווענקלט. דעמאָלט האָבן די אידישע אַנטי־פאַשיסטן, און צווישן זיי נאַטירלעך די קאָמוניסטן, געפּועלט ביי אַ ריי אידישע אָרגאַניזאַציעס צו וועלכע זיי באַלאַנגען, אַז יענע זאָלן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו ענטפערן דעם רוף. אַלס רעזולטאַט פון דעם זיינען אַנטשטאַנען אַ ריי איינגיקייט־באַוועגונגען. למשל, דער קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער, דער אידישער קאָונסיל פון ראָשיען וואָר רעליף, און דערנאָך די אויסגעצייכנטע קאַמפּאַניע פון דער אידישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן פאַר טאַנקען און עראָ־פּלאַנען, און נאָך שפּעטער איז געקומען די גרינדונג פון דעם אידישן טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט פאַר דעם זעלבן צוועק.

וואָס איז געווען דער טאָטאַלער רעזולטאַט? האָט דאָס געשטערט דעם פּראָצעס פון אידישער פאָלקס־איינגיקייט אין אַמעריקע? פּונקט פאַרקערט. עס האָט סטימולירט און אונטערגעשטופּט אַנדערע און ברייטערע כחות אין אידישן לעבן, אַז זיי זאָלן אויך אַריינטרעטן אין דער אַרבעט, און אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט צוויי גוטע רעזולטאַטן. די זעלבסטשטענדיגע קאַמפּאַניעס פון די אַנטי־פאַשיסטן האָבן גלייך גע־בראַכט ממשות׳דיגע רעזולטאַטן אין טערמינען פון קאָנקרעטער הילף פאַר דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן אַרויסגערופן ברייטע סימפּאַטיעס ביי די אידישע פאָלקס־מאַסן פאַר די דאָזיגע קאַמפּאַניעס, זיי האָבן טיילווייז איזאָלירט די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינגיקייט אין לויף פון די קאַמפּאַניעס, און — וויכטיגער פאַר אַלץ — זיי האָבן דערמוטיגט די

איינינקייט־כחות אין אזעלכע ארגאניזאציעס ווי דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס, און אויך אין אנדערע, זיך צו נעמען פאר ענלעכער טעטיגקייט לטובת דער מלחמה און אויך דורכצופירן אין א געוויסער מאס א פאליטיק פון אידישער איינינקייט. רעזולטאט? מיר האבן געקראגן א גרויסע מאס פון אידישער פאלקס־איינינקייט א דאנק דער סטימולירנדיגער זעלבסטשטענדיגער ארבעט פון די אויסגעהאלטענע אנטי־פאשיסטן.

ביישפיל נומער צוויי. אלס ענטפער אויף די גאר לעצטע ידיעות וועגן די שוידערלעכע נאצי־אכזריות געגן אידן, האט דער אידישער פאלקס־קאמיטעט (אן ארגאניזאציע געפירט פון אנטי־פאשיסטן פון פארשיידענע ריכטונגען) געענטפערט מיט א רוף צו אלע אידן אין אמעריקע און צו אלע אידישע ארגאניזאציעס, אז מען זאל גלייך ארגאניזירן ברייטע פאלקס־אקציעס אויף א באשטימטער פראגראם פון פאדערונגען צו די פאראייניגטע מלוכות. די שטימונג פון די אמעריקאנער אידן, ווי באקאנט, איז געווען זייער אן אויפגערעגטע און דאס פאלק האט ארויסגעוויזן באשטימטע סמנים, אז ס'איז גרייט צו שטיצן אזעלכע אקציעס. אבער די פירער פון די גרעסערע אידישע ארגאניזאציעס, אריינגערעכנט דעם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, האבן זיך געוואקלט און געקווענקלט. עס האט גענומען א שטיקל צייט איידער ס'איז געקומען צו שטאנד א אידישע דעלעגאציע צום פרעזידענט, און אויך דעמאלט האט מען קיין קאנקרעטע פאדערונגען ניט ארויסגעשטעלט, אויסער דעם פארלאנג ,אז די פאראייניגטע מלוכות זאלן אויסדריקן א ווארנונג געגן די נאצים. אמת, ס'איז געמאכט געווארן א פארזוך צו ארגאניזירן א אידישן טרויער־טאג, אבער קיין אמת'ער נאציאנאלער פאלקס־טרויער איז ניט ארגאניזירט געווארן, מחמת ס'איז ניט געווען קיין פאראייניגטע אידישע פירערשאפט. דער אידישער פאלקס־קאמיטעט האט געארבעט פאר איינינקייט מיט אלע כחות, אבער דערביי איז ער ניט געבליבן. ער איז געגאנגען ווייטער און האט ארגאניזירט א דעמאנסטראציע אין קארנעגי האל, אין ניו יארק.

וואס זיינען געווען די רעזולטאטן? ערשטנס, האט מען דארט אויסגעדריקט אויף א קלארן אופן די קאנקרעטע פאדערונגען פונעם אידישן פאלק. מען האט פארלאנגט די באלדיגע עפענונג פון דעם צווייטן פראנט כדי צו פארשנעלערן דעם זיג. מען האט געשטיצט די פאדערונגען פון די פאלעסטינער אידן, אז עס זאלן ארגאניזירט ווערן אידישע פליערסקוואדראנען, וואס זאלן ארויסגעשיקט ווערן צו באמבארדירן דייטשע שטעט אלס ענטפער אויף די נאצי־אכזריות. מען האט געפאדערט אויף א פראקטישן אופן פאראייניגטע אקציע פון אלע אידישע ארגאניזאציעס כדי צו ראטעווען דאס אידישע פאלק פון אונטערגאנג. מען האט דארט

ארויסגערוקט א פּראָגראַם פון פאַראייניגטער אידישער אַקציע אין אַמעריקע, וואָס זאָל ברענגען דערצו, אַז אַנטיסעמיטיזם זאָל געשטעלט ווערן אויסער דעם געזעץ.

דער עפעקט פון דער דאָזיגער דעמאָנסטראַציע לאָזט זיך פילן נאָך היינט צו טאָג. ברייטע מאַסן אידן אין אַמעריקע האָבן דערזען פאַר זיך אַ פּראַקטישע פּראָגראַם פון פאַראייניגטער אידישער אַקציע אין קאַמף געגן די נאַצי־אכזריות. זייער פאַרלאַנג צו פאַראייניגן זיך אַרום אַזאַ פּראָגראַם איז געשטאַרקט געוואָרן און דערמיט איז אויפגעהאַלטן און אויסגעברייטערט געוואָרן די פאָלקס־באַוועגונג פאַר פאַראייניגטער אידישער מלחמה־אַקציע בכלל. מער ווי דאָס. טאַקע דערפאַר, וואָס דער פאַרלאַנג פאַר פאַראייניגטער מלחמה־אַקציע געגן די נאַצי־אכזריות איז געשטאַרקט געוואָרן צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע און אויך צווישן דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג בכלל, האָבן די פירער פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס זיך דערפילט דערמוטיגט און בארעכטיגט אונטערצונעמען די איניציאַטיווע פון אָרגאַניזירן אַ ברייטערע אַקציע און האָבן אַזוי אַרום געמאָלדן, אַז זיי רופן אַ מעדיסאָן סקוועיר גאַרדן מיטינג צוזאַמען מיט דער א. פ. אָוו ל., דער סי־אײ־אָ און אַנדערע ניט־אידישע אָרגאַניזאַציעס.

אין אַנדערע ווערטער, אויך דער ביישפּיל באַווייזט ווי אַזוי זעלבסטשטענדיגע אַקציעס פון די אַנטי־פאַשיסטן, ווען די אינטערעסן פון אידישן פאָלק פאַרלאַנגען עס, ברענגען ניט נאָר פון זיך אַליין ממשות׳דיגע רעזולטאַטן, נאָר זיי גרייטן אויך צו דעם באָדן און סטימולירן די איניציאַטיווע פון גרעסערע כחות און פאַר ברייטערע אַקציעס.

עס שיינט אונז דעריבער, אַז מיר האָבן אונזער אויספיר באַוויזן. מיר האָבן באַוויזן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום ווידערשפּרוך צווישן דער אויפגאַבע פון שטיצן דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און דער אויפגאַבע פון אונטערנעמען זעלבסטשטענדיגע אַקציעס אין די אינטערעסן פון אידישן פאָלק. ביידע זאַכן גייען האַנט אין האַנט. ביידע זאַכן דינען דעם זעלבן צוועק. זיי פירן דורך די צענטראַלע אויפגאַבע פון די אַנטי־פאַשיסטן, וועלכע איז צו העלפן בויען אידישע פאָלקס־איינהייט און צו סטימולירן די פירנדיגע איניציאַטיווע פון גרעסערע כחות אינעם אידישן לעבן און ספּעציעל דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס.

און נאָך אַ זאַך מוז דאָ געזאָגט ווערן וועגן דער ראָלע פון די אַנטי־פאַשיסטן אין דער אידישער פאָלקס־איינהייט. עס גייט אַרום אַ פאַלשער באַגריף וועגן דעם, אַז די אידישע אַנטי־פאַשיסטן, און איבערהויפּט די היגע אידישע קאָמוניסטן, זוכן מיט אַלע מיטלען איינצושטעלן זייער

אויבערהערשאפט אין דער אידישער פאָלקס־איינינגקייט. מען זאָגט נאָך מער. אין „פאָרווערטס", למשל, ווערט זייער אָפט געזאָגט, אז די היגע אידישע קאָמוניסטן האָבן די אידישע פאָלקס־איינינגקייט טיף אין דער ערד, אז באמת זוכן זיי בלויז איין זאך — צו ווערן די באַלעבאַטים פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע. איז אפשר כדאי צו ענטפערן דערויף בקיצור און אויף זייער א קלאָרן אופן.

די אידישע אנטי־פאשיסטן, אריינגערעכנט די קאָמוניסטן, האָבן שוין באוויזן ניט נאָר מיט ווערטער נאָר מיט זייערע האנדלונגען, אז זיי זוכן ניט קיין הערשאפט, קיין העגעמאָניע און אפילו ניט קיין ספּעציעלע פּריווילעגיע פון פירערשאפט אין דעם אידישן לעבן. זיי ווייסן, אז זיי פארטרעטן פארלויפיג א מינדערהייט אין דעם אידישן פאָלק. א וויכטיגע מינדערהייט, א זייער אנטשיידנדיגע מינדערהייט, אָבער דאָך א מינדער־הייט. און א מינדערהייט קאָן זיך ניט פארמעסטן אויף קיין אנטשיידנ־דיגער פירערשאפט, שוין אָפּגערעדט וועגן הערשאפט אָדער העגעמאָניע.

אידישע פאָלקס־איינינגקייט איז פאר די אידישע אנטי־פאשיסטן דער ערשטער געבאָט אין דער איצטיגער וועלט־לאגע, דאָס הייסט, אין לויף פון קריג און פאר א לאנגער, לאנגער צייט נאָכן קריג. די אידישע אנטי־פאשיסטן זיינען געבונדן צו דער דאָזיגער פונדאמענטאַלער ליניע מיט טויזנטער פעדים. און אזוי ווי זיי שאצן אָפּ די לאגע אין אמעריקע רעאליסטיש און פּראקטיש, קומען זיי צום שלום, אז דער בעסטער אופן אויף וועלכן זיי אלס אנטי־פאשיסטן קאָנען זיין באהילפיג דער אידישער פאָלקס־איינינגקייט איז, ערשטנס, צו שטיצן די איניציאטיווע און פירער־שאפט פון גרעסערע און ברייטערע כחות אין אידישן לעבן און, צווייטנס, דורך זעלבסטשטענדיגע אקציעס צו סטימולירן ווידעראמאָל די איניציא־טיווע און פירערשאפט פון די דאָזיגע גרעסערע און ברייטערע כחות. דאָס איז אלץ זייער פשוט, און אלע וואָס ווילן פארשטיין קאָנען עס גוט פאר־שטיין. און דערפון איז געדרונגען, אז די אידישע אנטי־פאשיסטן קאָנען ניט זוכן, זוכן ניט און וועלן ניט זוכן ניט קיין הערשאפט און ניט קיין העגעמאָניע.

איין זאך זוכן זיי יאָ. פאר דעם קעמפן זיי און פאר דעם וועלן זיי קעמפן. זיי זוכן צו לעבן און ארבעטן אלס א טייל פון דעם אידישן פאָלק, מחמת זיי האלטן זיך פאר א טייל פון דעם אידישן פאָלק. און ניט נאָר האלטן זיי זיך אזוי, נאָר די מערהייט פונעם אידישן פאָלק דענקט אויך אזוי. און דער ווילן פונעם אידישן פאָלק וועט סוף כל סוף זיגן.

נאָך א זאך. די אידישע אנטי־פאשיסטן בארימען זיך ניט, אז זיי זיינען דער בעסטער טייל פון אידישן פאָלק. זיי גלויבן אָבער, אז זיי זיינען

אויך ניט דער ערגסטער טייל פון דעם אידישן פאָלק. זיי האַלטן זיך פאַר א ווערטפולן און נוצלעכן טייל פון זייער פאָלק.

און צום לעצטן. עס זיינען דאָ מענטשן ביי אונז, וואָס ווילן ניט אָנערקענען די אַנטי־פאַשיסטן און, צווישן זיי, די קאָמוניסטן פאַר קיין טייל פון אידישן פאָלק. ווער די מענטשן זיינען ווייס מען. דאָס זיינען די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינינקייט. דאָס זיינען פריער פאַר אַלץ און איבערהויפּט די גרופּע, וואָס פירט אָן מיטן „פאָרווערטס", וואָס באַהערשט דעם אידישן ארבעטער־קאָמיטעט און וואָס טעראָריזירט א גרויסע צאָל איינפלוסרייכע מענטשן און אָרגאַניזאַציעס. ווילן מיר צו די שונאים פון דער אידישער פאָלקס־איינינקייט זאָגן אַזוי: ס'איז ניטאָ אַזאַ כח אין דער וועלט, וואָס קאָן אויסשליסן פון אידישן פאָלק אָדער שטעלן מחוץ למחנה די אידישע אַנטי־פאַשיסטן און מיט זיי די היגע אידישע קאָמוניסטן. מיר זאָגן דאָס אויפן פשוט'ן גרונט, וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט דאָס ניט דערלאָזן. און אויך אויף דעם צווייטן גרונט — דער פאַקט, וואָס די אידישע אַנטי־פאַשיסטן זיינען אַזוי ענג פארבונדן מיטן אידישן פאָלק, אַז מען קאָן זיי אויסשליסן פון אים בלויז דעמאָלט, ווען מען שליסט אוים דאָס אידישע פאָלק אַליין. און נאָך א זאַך ווילן מיר זאָגן צו די שונאים פון אידישער פאָלקס־איינינקייט: די צווישן זיי, וואָס ווילן בלייבן פאַר'עקשנ'ט און ווילן באַשטיין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַז מען דאַרף די היגע אידישע קאָמוניסטן און די אַנטי־פאַשיסטן בכלל שטעלן מחוץ למחנה, ווילן זיי זיך סוף כל סוף אַליין אַרויסנעמען פונעם אידישן כלל. זיי ווילן אַליין בלייבן מחוץ למחנה.

דאָס לעבן אַליין האָט שוין באַוויזן, אַז די דאָזיגע ליניע פון אידישער פאָלקס־איינינקייט, פאַר וועלכער די אידישע אַנטי־פאַשיסטן קעמפן, איז ניט נאָר ריכטיג, נאָר אַז זי הויבט אָן געווינען. דאָס לעבן האָט שוין פאַרצייכנט א סך באַדייטנדיגע דערגרייכונגען אויפן וועג צו אידישער פאָלקס־איינינקייט. איינע פון די גאָר לעצטע דערשיינונגען פון דעם מין, הגם ניט פון די סאַמע וויכטיגסטע, איז געווען די אַנטשטייאונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיעישאָן". די אַסאָסיעישאָן, ווי באַקאַנט, האָט זיך געגרינדעט פאַר א גאַנץ פּראַקטישן צוועק. דער צוועק איז געווען אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון די איינגנטימער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און איבערנעמען די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פירערשאַפט פון דער דאָזיגער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער פאָלקס־ציטונג. די אַסאָסיעישאָן האָט זיך דערביי געשטעלט דעם צוועק צו אַנטוויקלען די אַרבעט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אויף אַזאַ אופן, אַז די ציטונג זאָל ווערן אין א פולער מאָס דער פאַראייניגונגס־צענטער פאַר אַלע אויסגעהאַלטענע אידישע אַנטי־

פאַשיסטן אין אַמעריקע. דאָס וועט געבן די אידישע אַנטי־פאַשיסטן אַ מעגלעכקייט צו אויסאיבן אַ גרעסערע ווירקונג און צו טאָן נוצלעכערע ארבעט פאַר דער ברייטער אידישער פאָלקס־איינינקייט, וואָס גרעסערע כחות אין דעם אידישן לעבן דאַרפן אָנפירן.

עס איז נויטיג אונטערצושטרייכן, אַז אין דער „מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיעישאָן" ארבעטן צוזאַמען טוער און פירער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען. זיי ארבעטן פאַר איין אַלגעמיינעם צוועק: צו פאַראייניגן און צוזאַמענברענגען אַלע אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטישע כחות אין דעם אידישן לעבן, כדי זיי זאָלן קאָנען מאַכן אַ גרעסערן און ווירקזאַמערן בייטראַג צו דער אידישער פאָלקס־איינינקייט. אויף דער סאָרט פּלאַטפאָרמע ארבעטן שוין אין דער „מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיעישאָן" קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן, און די אויסזיכט איז, אַז די דאָזיגע אַנטי־פאַשיסטישע געמיינזאַמע ארבעט וועט זיך אויסברייטערן און פאַרשטאַרקן פון טאָג צו טאָג.

ס'איז אמת, אַז איינגע מענטשן האָבן געהאַט צווייפלען אויב אַזעלכעס זאָל זיין מעגלעך אין דער פּראַקטיק. מען האָט געזאָגט, אַז אידעאָלאָגישע און פּראָגראַמאַטישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן אַנטי־פאַשיסטן וועלן ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן אַלע קאָנען ארבעטן אין איינעם פאַר דער בויאונג פון אַ אידישער אַנטי־פאַשיסטישער פאָלקס־ציַיטונג, אַפילו ווען דער הויפּט־צוועק איז העלפן בויען אידישע פאָלקס־איינינקייט. מען האָט אויך געזאָגט, אַז יעדער פאַרזוך צו אונטערדריקן אידעאָלאָגישע פראַגן און מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועט זיין שעדלעך. אָבער עס האָט זיך שוין ארויסגעוויזן, אַז די אַלע שרעקן זיינען געווען אינגאַנצן אומבאַרעכטיגט.

דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז כדי אַנטי־פאַשיסטן פון אַלע ריכטונגען זאָלן קאָנען בויען אַ פאָלקס־ציַיטונג, און אַז אַלגעמיינעם צענטער פאַר אַלע זייערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, איז אינגאַנצן ניט נויטיג אונטערצודריקן אידעאָלאָגישע פראַגן און מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. וועגן אַזעלכע פראַגן קאָן מען רעדן, קאָן מען דיסקוטירן און מען קאָן האָבן אַ נוצלעכן אויסטויש פון מיינונגען, וואָס זאָל זיין נוצלעך פאַר אַלעמען. מער ניט, מען דאַרף זיך אויסהיטן פון מאַכן אַזעלכע מיינונגס־אויסטוישן פאַר אַן ענין פון שאַרפן קאַמף, וואָס טראָגט זיך אַריבער צו די מאַסן און צעטיילט זיי און שפּאַלט זיי. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דאָס קאָן געטאָן ווערן. דאָס קאָן געטאָן ווערן ווען מען האָט שטענדיג אין זינען, אַז פראַגן פון אידעאָלאָגיע און ענד־ציַלן זיינען איצט ניט די הויפּט־זאַך, אַז די הויפּט־זאַך איז אידישע פאָלקס־איינינקייט — דער זיג איבערן

פאשיזם און די אויסראָטונג פון פאשיזם. האָט מען דעם דאָזיגן געדאַנק אַלעמאָל אין זינען, און ווערט די טאָג־טעגלעכע אַרבעט באַהערשט פון דעם דאָזיגן געדאַנק, דעמאָלט קאָן מען האָבן אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס און ערנסטע מיינונגס־אויסטוישן איבער פראַגן פון פראָגראַמאַטישע ענד־צילן און פונדעסטוועגן זאָל דערפון ניט אַרויסקומען קיין פיינטלעכער מאַסן־שטרייט און קיין שאָדן פאַר פאַראייניגטער אַנטי־פאַשיסטישער אַקציע און פאַר אידישער פאָלקס־איינינקייט.

דעריבער גלויבן מיר, אַז כאָטש די אַנטשטייאונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיעישאָן" איז ניט פון די סאַמע גרעסטע פאַסירונגען אין דער אַנטוויקלונג פון אידישער פאָלקס־איינינקייט, פונדעסטוועגן איז דאָס פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס וואַרפט אַ ספּעציעל העל ליכט אויף דער איינינקייט־באַוועגונג אין וועלכער מיר לעבן און אויף דער רייפקייט פון דעם מאָמענט פאַר אַן ענגער פאַרבינדונג פון אַלע אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטישע כחות. און דאָס שטאַמט אין דער לעצטער שורה טאַקע פון דעם, וואָס די ברייטערע אידישע פאָלקס־איינינקייט ווערט אַליין רייפער און מעכטיגער פון טאָג צו טאָג.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז די „מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיעישאָן" האָט אין אירע עפנטלעכע דערקלערונגען שטאַרק אונטערגעשטראָכן אויך די נויט פאַר פאַראייניגטער אידישער אַרבעט לטובת דער אידישער קולטור. מען פאַרשטייט אין די קרייזן פון דער „מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיעישאָן", אַז די פאַרשפּרייטונג און בויאונג פון אידישער קולטור אין דעם איצטיגן צייט־אָפּשניט איז פאַר זיך אַליין אַ כח פאַר דער דערהאַלטונג פון אונזער פאָלק, פאַר דער רעטונג פון אונזער פאָלק פון דער פאַשיסטישער געפאַר און פאַר דער צוקונפט פון אונזער פאָלק.

לאָמיר דעריבער שטענדיג הויבן דעם כבוד און דעם שטאָלץ פון דעם אידישן פאָלק. לאָמיר וועקן זיין מוט און זיין ווילן צום קאַמף. לאָמיר שטאַרקן זיינע כחות פאַר דעם זיג איבער דעם גרעסטן שונא וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט. לאָמיר זיך פאַרדינען דורך אונזער ביישטײַער צום זיג אַ בכבוד'יגן פּלאַץ און אַ פריי לעבן צווישן די פעלקער פון דער וועלט נאָך דעם זיג.